בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

קנ"ח

יו"ל: ה' שבט ה'תשפ"ו לפ"ק

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

**אים אריינשלעפן אינמיטן דער טאנץ**

**השמחה של ר' אהרן קיבליטשער**

**'ותשחק ליום אחרון'**

**אז מען זאגט שוין 'זיין פריילין' - וויל מען נישט**

**אוועקגעבן א פרק א נפטר?**

**וואַרט נישט אויף מאָרגן**

**בלויז אנדערהאלבן מינוט בושה**

**'ובעבור תהיה יראתו על פניכם'**

**אי אפשר לפרש עד הסוף**

**'התבודדות שאינו כראוי'**

**'עצה כללית שכולל הכל'**

**דעת רבינו בענין שתיית יין המשכר**

**'ושמרנו והצילנו מרופאים ודאקטוירים'**

**געוואוסט אז דער אוהח"ק איז נסתלק געווארן**

**'פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק'**

**באקומען מוחין פון א ציגארעט?**

**שעצן דעם רבי'נס א דיבור**

**'אי מן חיי - אנא הוא!'**

**ביטול האיסור בהיתר**


הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האָס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
**(ארה"ק: 072-257-3456)**



©
כל הזכויות שמורות


לקבלת הקונטרס וכן
ההקלטה (MP3) של השיעור,
יש לפנות דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

כדי ליטול חלק בהוצאות
העתקת הטייפס ולהדפיסם,
וכמו-כן כדי לקבל את
הקונטרסים דרך הדואר (בכל
שבועיים) במחיר חודשי של $30
יש להתקשר:
**(+1) 845-323-9216**

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על-ידינו:
**בקו 'מערכת ברסלב'**
**ארה''ק: 02.560.7387**
**ארה''ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
**לשמיעת השיעור**
**המצו"ב יש להקיש:**
**#2.1.2.1.1 ואח"כ #158**

# שיעור ליקוטי מוהר"ן

כי תצא שנת תשל"ז

(#263)

## אים אריינשלעפן אינמיטן דער טאנץ

(לומד ליקוטי מוהר"ן תניינא תורה כ"ג)

"בְּעִנְיַן הַשִּׂמְחָה. עַל פִּי מָשָׁל, שֶׁלִּפְעָמִים כְּשֶׁבְּנֵי אָדָם שְׂמֵחִים וּמְרַקְּדִים, אֲזַי חוֹטְפִים אִישׁ אֶחָד מִבַּחוּץ, שֶׁהוּא בְּעַצְבוּת וּמָרָה שְׁחֹרָה, וּמַכְנִיסִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ לְתוֹךְ מְחוֹל הַמְרַקְּדִים, וּמַכְרִיחִים אוֹתוֹ בְּעַל כָּרְחוֹ שֶׁיִּהְיֶה שָׂמֵחַ עִמָּהֶם גַּם כֵּן.

"כֵּן יֵשׁ בְּעִנְיַן הַשִּׂמְחָה. כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂמֵחַ, אֲזַי הַמָּרָה שְׁחֹרָה וְיִסּוּרִים נִסְתַּלְּקִים מִן הַצַּד. אֲבָל מַעֲלָה יְתֵרָה לְהִתְאַמֵּץ לִרְדֹּף אַחַר הַמָּרָה שְׁחֹרָה דַּיְקָא, לְהַכְנִיס אוֹתָהּ גַּם כֵּן בְּתוֹךְ הַשִּׂמְחָה, בְּאֹפֶן שֶׁהַמָּרָה שְׁחוֹרָה בְּעַצְמָהּ תִּתְהַפֵּךְ לְשִׂמְחָה, שֶׁיְּהַפֵּךְ הַמָּרָה שְׁחֹרָה וְכָל הַיִּסּוּרִין לְשִׂמְחָה, כְּדֶרֶךְ הַבָּא לְתוֹךְ הַשִּׂמְחָה, שֶׁאָז מִגֹּדֶל הַשִּׂמְחָה וְהַחֶדְוָה מְהַפֵּךְ כָּל הַדְּאָגוֹת וְהָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה שֶׁלּוֹ לְשִׂמְחָה".

א מענטש אז ער פריידט זיך - מיט וואס פריידט ער זיך? ער פריידט זיך דאך מיטן אויבערשטן; איז די 'עצבות', די 'מרה שחורה', שטייט אין דער זייט; און אז ער איז דאס נישט 'מהפך לשמחה', איז דאך עס נישט קיין 'שמחה' (בשלימות), עס שטייט אין דער זייט, דערנאך וועט ער קומען צו דיר. דער שלימות איז, 'מחמת גודל השמחה' זאל ער אריינכאפן דער 'מרה שחורה' אויך - און דאס מהפך זיין.

פארוואס בין איך פרייליך? איך פריי זיך מיטן אויבערשטן; איז דאך די 'מרה שחורה' נישט קיין ריכטיגע זאך, דארף מען די 'מרה שחורה' אויך איבערקערן אויף 'שמחה', אז נישט נאר איצטער, נאר אפילו שפעטער זאל אויך נישט צוריקקומען די 'מרה שחורה'.

ביי יעדער זאך איז אזוי, אפילו ביים דאווענען; אז ער דאווענט, ער רעדט צום אויבערשטן, טאמער פילט ער עפעס א 'פגם אמונה' אין אים, דארף ער דאס אלץ אריינכאפן אין דער תפילה אריין און עס איבערקערן; אז נישט, דאווענט ער, און ווען ער וועט אפדאווענען, וועט ער קומען צוריק; דאס איז נישט אמת.

אז ער האט עפעס א זאך וואס דאס איז אַן ענין פון היפך פון 'שמחה', זאל ער דאס אויך אריינכאפן און איבערקערן, ווייל 'מחמת גודל השמחה' אין דעם אויבערשטן דארף ער דאס אויך איבערקערן.

יעדע 'עצבות' איז אַן ענין פון 'פגם אמונה'[א]; פארוואס האט דער מענטש ביי זיך 'מרה שחורה'? ווייל ער האט 'פגם אמונה'.

בשעת ער איז פרייליך, איז ער דאך פרייליך מיטן אויבערשטן, דארף ער דאס אריינכאפן און מהפך זיין; נישט אז שפעטער זאל ער קומען צוריק. אט דאס איז א געוואלדיגע זאך.

מען דערציילט פון דעם רבי ברוכ'לען - עס שטייט אין "בוצינא דנהורא"[ב]; "הַבּוֹחֵר בְּשִׁירֵי זִמְרָה". טייטשט ער, דער אויבערשטער איז א 'בוחר' אין די 'שירַיים' וואס עס בלייבט איבער נאך דעם דאווענען, אין די 'שיריים' פון דער 'זמרה'.

אז איך דאוון אפ, וואס בלייבט נאך דעם דאווענען? וואס בין איך איצטער בעסער פון פריער?! אזוי קומט דאך אויס, דאווענען - דאווענט ער, א שיינער איד - ער דאווענט, און די פגמים וואס ער האט - שטייט ווייטער אזוי. דארף מען אריינכאפן דער 'פגם אמונה' אין דעם דאווענען אריין און דאס מהפך זיין[ג].

---

[א] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' קנ"ה: עִקַּר הָעַצְבוּת וְהָעַצְלוּת, הוּא מֵחֲמַת חֶסְרוֹן אֱמוּנָה.

[ב] ערך 'תפילה' אות כ"ח.

[ג] עיין 'טעם זקנים' קונטרס צ': עס שטייט פון דעם רבי'ן רבי ברוכ'לען אין 'בוצינא דנהורא' - זאגט ער: "הבוחר בשירי זמרה" (ברכת ישתבח) - אז דער אויבערשטער איז 'בוחר' אין די 'שיריים' וואס בלייבט פון דעם דאווענען! אוודאי, פון יעדער דבר שבקדושה בלייבט עפעס איבער - און דאס 'עפעס', דאס דארף א טובה טוהן דעם מענטשן אין אלע ענינים, אויף יעדן דבר שבקדושה; ושם קונטרס צ"ג מוסיף על זה בזה"ל: דער רבי זאגט טאקע אין תורה ס"ה, אז א רשימה בלייבט איבער נאכן ביטול; די התבודדות איז

דא רעדט דער רבי פון 'שמחה'; אבער ביי יעדער זאך איז אזוי, ביי יעדער 'דבר שבקדושה'; כאפ אריין דער זאך וואס דו ווייסט אז עס איז נישט בסדר ביי דיר, כאפ עס אריין אינדערמיט, כאפ עס אריין אין דער תפילה, און זיי עס מהפך.

אז נישט, קען ער אלע יארן זיין פריילִיך - און זיין מרה שחורה'דיג; אט דאס איז נאך נישט קיין שלימות. בשעת'ן דאווענען זאל ער אריינכאפן 'יענץ' צו זיך און דאס מהפך זיין.

פארוואס בין איך פריילִיך? איך פריי זיך מיטן אויבערשטן; איז פארוואס שטייט יענץ אין דער זייט?!

דער רבי רעדט דא פון 'עצבות ומרה שחורה'. געווענטליך 'עצבות' 'ומרה שחורה' איז פון 'תאוות'[ד]. בשעת דער מענטש איז פריילִיך איז אַן 'עת רצון'; זאל ער אריינכאפן דעם עצבות אינדערמיט און דאס מהפך זיין - אז נאכן ריקוד זאל אויך נישט בלייבן די 'מרה שחורה'.

יעדע זאך איז אזוי, אז עס איז דא 'פגמים', 'קלקולים', עס איז נישטא קיין שלימות, קיין 'שלימות אמונה', זאל ער עס אריינכאפן און עס מהפך זיין, דו דאוונסט דאך, דו רעדסט דאך צום אויבערשטן, נעם עס אריין דערמיט און קער עס איבער. עס קען דאך זיין אלע יארן אזוי, ער איז שוין אַן אלטער איד, און וואס איז דא איז דא, ער האט עס נישט מהפך געווען.

דער רבי גלייכט דאך דאס צו אזוי ווי ער כאפט אַן אנדערן - ער כאפט אים אריין און ער מוז אויך זיין פריילִיך.

ביי מיר אליין איז אבער אויך דא אזעלכע זאכן; נאך איינער איז דא ביי מיר - די 'מרה שחורה' שטייט אין דער זייט - כאפ עס אריין.

---

א ביטול. און אז דער ביטול גייט אוועק, דארף בלייבן א רשימו - דער עיקר איז די 'רשימו'; דער 'ביטול' קען דאך נישט זיין אויף כסדר.

[ד] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הודאה ה"ו אות כ"ה: הָא בְּהָא תַּלְיָא, כָּל מַה שֶּׁמִּתְגַּבְּרִין בְּעַצְבוּת מִתְגַּבְּרִין הַתַּאֲווֹת מִשְׁגָּל וּמָמוֹן וְכַעַס וְכוּ', וְכֵן לְהֵפֶךְ כָּל מַה שֶּׁהַתַּאֲווֹת מִתְגַּבְּרִין הָעַצְבוּת מִתְגַּבֵּר.

נאך א זאך; וויבאלד ער כאפט אים נישט אריין, איז אפילו בשעת דער 'שמחה' איז ער אויך דא, נישט נאר שפעטער וועט ער קומען, נאר 'בשעת השמחה' איז ער אויך דא, די 'שמחה' אליין האט נישט קיין שלימות, ווארום ער ווייסט דאך אז ער שטייט שוין פונדערווייטנס און נאכדעם איז ער ווייטער דא.

דער רבי זאגט טאקע ווייטער[ה]: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד". וואס איז דער פשט פון 'תמיד'? נישט נאר בשעת ער איז פריילך, נאר נאך דער 'שמחה' זאל ער אויך זיין 'בשמחה'; אז נישט, איז עס נישט 'תמיד'; די 'מרה שחורה' שטייט פונדערווייטן, און אז ער וועט ענדיגן, וועט קומען די 'מרה שחורה', איז דאך עס נישט 'תמיד'. 'תמיד' איז דער פשט, נאך די 'שמחה' זאל אויך זיין די שמחה.

מיין שווער (- ר' אהרן קיבליטשער) האט נאך געקענט דעם ר' אהרן ניסן'ען. רבי נתן האט אים געזאגט[ו]: "זאג איך דיר צו, אז דו וועסט זיין תמיד פריילך, וועסטו נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנם'!"[ז].

מיין שווער האט אים געקענט, אונזער'ס א מענטש געווען, א חסיד, און ער איז געווען א 'מרה שחורה'דיגער'.

(פלעגט ער זאגן:) "איך ווייס, רבי נתן האט מיר אזוי געזאגט - און איך קען נישט!".

"אז דו וועסט זיין תמיד פריילך, זאג איך דיר צו - דו וועסט נישט זיין קיין 'רואה פני גיהנום'!" - דער ענין פון 'שמחה' איז א געוואלדיגע זאך.

## השמחה של ר' אהרן קיבליטשער

איך פלעג אזוי מקנא זיין דעם שווער מיינעם, ער איז געווען אַן ערליכער איד, אבער די 'שמחה' זיינע האב איך אזוי מקנא געווען. עס איז געווען ביי אים אַן ארעמקייט אין

---

[ה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד, עיין להלן.

[ו] עיין 'כוכבי אור' - אנשי מוהר"ן אות כ"ח: **שָׁמַעְתִּי מֵר' אַהֲרֹן נִיסָן זַ"ל שֶׁאָמַר לוֹ פַּעַם אַחַת אִם הָיִיתָ בְּשִׂמְחָה תָּמִיד** (שְׁטֶענְדִיג פְרַייְלִיךְ) **לֹא הָיִיתָ רוֹאֶה פְּנֵי גֵּיהִנֹּם.**

[ז] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פו"ר ה"ג אות י"ג: וּלְמִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ וְלִשְׂמֹחַ בַּשִּׂמְחָה הַזֹּאת, בְּוַדַּאי יִזְכֶּה לְכָל טוּב **וְיִמָּחֲלוּ לוֹ כָּל עֲווֹנוֹתָיו.**

שטוב - א געוואלד, און אזוי פרייליך געווען, נישט געמאכט זיך. איך בין געווען זיין אידעם, האב איך דאך געזעהן, באמת 'בשמחה תמיד', 'תמיד' געווען פרייליך, מיט א שפרונג, מיט א טאנץ, יא עסן נישט עסן, א קנאבל מיט ברויט - אַה, פרייליך!

א געוואלדיגע זאך איז דאס; אט דער מענטש איז 'תמיד' מיטן אויבערשטן, ער איז 'תמיד' מיטן אויבערשטן. פאַרוואס איז ער פרייליך? ער האט אמונה אין דעם אויבערשטן[ח], ער גלויבט, "וַאֲנִי תָמִיד עִמָּךְ".

זאגט דער רבי: "אבל מעלה יתירה להתאמץ לרדוף אחר המרה שחורה דווקא, להכנים אותה גם כן בתוך השמחה" - ארייננעמען איר; ער שטייט פונדערוויטן, כאפ אים אריין - 'קום אריין', "באופן שהמרה שחורה בעצמה תתהפך לשמחה, שיהפך המרה שחורה וכל היסורין לשמחה, כדרך הבא לתוך השמחה, שאז מגודל השמחה והחדוה מהפך כל הדאגות והעצבות והמרה שחורות שלו לשמחה".

"נִמְצָא שֶׁחוֹטֵף הַמָּרָה שְׁחֹרָה וּמַכְנִיס אוֹתָהּ בְּעַל כָּרְחָהּ לְתוֹךְ הַשִּׂמְחָה, כַּמָּשָׁל הַנַּ"ל.

"וְזֶה בְּחִינַת (יְשַׁעְיָה ל"ה): 'שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ וְנָסוּ יָגוֹן וַאֲנָחָה' שֶׁהַיָּגוֹן וַאֲנָחָה בּוֹרְחִים וְנָסִים מִן הַשִּׂמְחָה, כִּי בְּעֵת הַשִּׂמְחָה דֶּרֶךְ הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה לַעֲמֹד מִן הַצַּד כַּנַּ"ל, אֲבָל צָרִיךְ לִרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם דַּיְקָא, וּלְהַשִּׂיגָם וּלְהַגִּיעָם, לְהַכְנִיס אוֹתָם דַּוְקָא לְתוֹךְ הַשִּׂמְחָה כַּנַּ"ל.

"וְזֶהוּ: 'שָׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ' וְכוּ' שֶׁהַשָּׂשׂוֹן וְשִׂמְחָה יַשִּׂיגוּ וְיִתְפְּסוּ אֶת הַיָּגוֹן וַאֲנָחָה, שֶׁהֵם נָסִים וּבוֹרְחִים מִן הַשִּׂמְחָה, לְהַכְנִיס אוֹתָם בְּעַל כָּרְחָם לְתוֹךְ הַשִּׂמְחָה כַּנַּ"ל. כִּי יֵשׁ יָגוֹן וַאֲנָחָה שֶׁהֵם הַסִּטְרָא אָחֳרָא, שֶׁאֵינָם רוֹצִים לִהְיוֹת מֶרְכָּבָה אֶל הַקְּדֻשָּׁה, וְעַל כֵּן הֵם בּוֹרְחִים מִן הַשִּׂמְחָה. עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אוֹתָם לְתוֹךְ הַקְּדֻשָּׁה, דְּהַיְנוּ הַשִּׂמְחָה בְּעַל כָּרְחָם, כַּנַּ"ל".

---

[ח] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פ"ו ה"ג אות כ"ג: עִקַּר שֹׁרֶשׁ הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַשִּׂמְחָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר הַשִּׂמְחָה בֶּאֱמֶת, כִּי בֶּאֱמֶת לַאֲמִתּוֹ **אֵין שׁוּם שִׂמְחָה בָּעוֹלָם כִּי אִם כְּשֶׁזּוֹכִין לְהַאֲמִין וְלֵידַע מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ**, שֶׁזֶּה עִקַּר הַחַיִּים הָאֲמִתִּיִּים לְכָל אֶחָד וְאֶחָד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּיהּ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "כִּי בוֹ יִשְׂמַח לִבֵּנוּ", 'כִּי בוֹ' דַּיְקָא 'יִשְׂמַח לִבֵּנוּ', **כִּי אֵין שׁוּם שִׂמְחָה אַחֶרֶת בֶּאֱמֶת חוּץ מִזֶּה.**

דאס איז נישט קיין קלייניקייט.

דער שווער פלעגט קומען אלעמאל צו ר' נחמן טולטשינער אויף א שבת. דער שווער איז מקורב געווארן אין די למד'ן. רבי נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן מ"ד. ער איז געקומען אלעמאל צו ר' נחמן אויף א שבת. פלעגט ר' נחמן אים אזוי ליב האבן, ווייל ער האט געמאכט פרייליך, ער האט געמאכט פרייליך - א פרייליכקייט[ט].

ער איז געווען א 'חייל', מען האט אים צוגענומען פאר א זעלנער. ער איז געווען א הויכער מענטש, א שיינער מענטש, א געזונטער מענטש, האט מען אים צוגענומען פאר א זעלנער.

דער שווער זיינער (ר' יעקב ישעי' ז"ל) האט דערזעהן דאס, ער איז געווען א פארמעגליכער מענטש, איז ער אוועקגעפארן זעהן אים ראטעווען, אים אויסלייזן. ער איז געווען אין זיטאמיר - א גרויסע שטאט לעבן בארדיטשוב. איז ער געקומען אהינצו דארטן פרייטאג, איז ער צוגעגאנגען פרייטאג צונאכט אין דער קורזאמין זיך זעהן מיטן שווער.

ער איז געשטאנען פונדערווייטנס, האט ער געהערט א קול פון די זמירות - "עזור, עזור, עזור לשובתים" - דער ניגון וואס מען זינגט ביי זמירות שבת. האט ער שוין דערקענט אז דאס איז זיין קול...

**נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיטן (אויפזעהער): "דו זאלסט וויסן, שווארץ איז מיין איידעם, איך וויל אים אויסלייזן!". (ענטפערט יענער:) "וואס? פאר קיין שום געלט נישט, ער מאכט דאך מיר פרייליך, מיט דער גאנצער באטאליאן (- מחנה); אים וועלן מיר אפלאזן? ניין - אים וועלן מיר נישט אפלאזן!".**

---

[ט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נפילת אפים ה"ד אות ה': וְזֶהוּ הָעִנְיָן מַה שֶּׁהָיוּ נוֹהֲגִין כָּל הַצַּדִּיקִים הַגְּדוֹלִים הַמְפֻרְסָמִים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ **שֶׁעַל פִּי רֹב הָיָה לָהֶם אֲנָשִׁים שֶׁהָיוּ כְּמוֹ בַּדְחָנִים**, וְהָיוּ עוֹשִׂים לְפָנִים כָּל מִינֵי צְחוֹק וּשְׁטוּת כַּמְפֻרְסָם. וְהַכֹּל בִּשְׁבִיל שִׂמְחָה, **כִּי אֵין דָּבָר מַזִּיק לַעֲבוֹדַת ה' כְּמוֹ הָעַצְבוּת**, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים.

(השואל: מען האט אים נישט באפרייט?) **יא, דער אויבערשטער האט געהאלפן מען האט אים גלייך באפרייט - דאס איז אַן אנדערע מעשה.'**

**ווען איך דערמאן זיך אין אים - אזא מין ארעמאן ווי ער איז געווען - און אזוי פריילין! א שטוב מיט קינדער, בתולות, חתונה מאכן - און מען האט נישט קיין געלט. אמאל איז געווען א געוואלד אז מען האט נישט, און ער איז געווען פריילין. ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א גרויסער עובד.**

**ביים רבי'נס זאך איז דאס א געוואלדיגער יסוד, א געוואלדיגער יסוד אין אידישקייט.**

**ביי אונז איז געווען גרויסע ערליכע אידן, עובדים, און זיי האבן מקנא געווען דעם שווער מיט זיין שמחה!**

## 'ותשחק ליום אחרון'

**ער איז טאקע נפטר געווארן 'מתוך שמחה'. ער איז נפטר געווארן פרייטאג, כ' אלול. די אנדערע וואך שבת וועט אויסקומען זיין יארצייט.**

**ער איז געווען א געוואלדיגער רגיל אין 'חצות' אלע יארן. אין דער נאכט וואס ער איז נפטר געווארן, פרייטאג, די נאכט פון דער הסתלקות, דער גאנצער גוף זיינע איז געווען געשוואָלן ווי א בארג, האט ער נאך דער נאכט נאך אויך אפגערעכט חצות.**

---

' עיין שיש"ק ח"ה אות רל"ד: אַחַר זְמַן מָה נִכְנַס פַּעַם רַבּוֹ רַבִּי פִּנְחָס קִיבְּלִיטְשֶׁער זַ"ל לְבֵיתוֹ כְּדֵי לְעוֹדֵד וּלְחַזֵּק אֶת זוּגָתוֹ שֶׁנִּשְׁאֲרָה לְבַדָּהּ עִם תִּינוֹק קָטָן, וּמְצָאָהּ בּוֹכָה וְטָעֲנָה לְפָנָיו בִּבְכִי רַב: מָה אֶעֱשֶׂה עַתָּה לְבַדִּי כָּל מֶשֶׁךְ זְמַן שֵׁרוּתוֹ מֶשֶׁךְ חֲמִשָּׁה שָׁנִים (כֵּן הָיָה אָז מֶשֶׁךְ זְמַן הַשֵּׁרוּת), וּמִי יְגַדֵּל אֶת הַיֶּלֶד? נִחֲמָהּ רַבִּי פִּנְחָס וְאָמַר לָהּ: מַבְטִיחַ אֲנִי לָךְ שֶׁתּוֹךְ שָׁנָה יַחֲזֹר הוּא לְבֵיתוֹ, 'אִם אֲנִי אֶהְיֶה עוֹד אָז בֵּין הַחַיִּים אוֹ לֹא אֵינִי יוֹדֵעַ, אֲבָל הוּא בְּוַדַּאי יַחֲזֹר'. וְאָכֵן בְּאוֹתָהּ הַשָּׁנָה יָשַׁב פַּעַם הַמֶּלֶךְ נִיקוֹלַאי עִם שָׂרָיו בְּאֵיזֶה אֲסֵפָה. בְּאֶמְצַע הַיְשִׁיבָה הִתְגַּעְגֵּעַ לִרְאוֹת אֶת בְּנוֹ הַתִּינוֹק וְיָצָא מֵהָאֲסֵפָה וְהָלַךְ לְבֵיתוֹ וְהִשְׁתַּעֲשֵׁעַ עִם הַתִּינוֹק. בְּעֵת שַׁעֲשׁוּעָיו פָּנְתָה אֵלָיו הַמַּלְכָּה וְשָׁאֲלָה אוֹתוֹ: אֱמֹר נָא מַלְכִּי, אַתָּה יֵשׁ לְךָ בֵּן, וּכְשֶׁהִנְּךָ מִתְגַּעְגֵּעַ אֵלָיו הוֹלֵךְ אַתָּה לִרְאוֹתוֹ, אוּלָם מַה יַּעֲשׂוּ הַחַיָּלִים שֶׁלָּנוּ שֶׁמִּחוּץ לְבֵיתָן הַמִּתְגַּעְגְּעִים אַף הֵם לְתִינוֹקוֹתֵיהֶם? הִשְׁפִּיעַ הַדָּבָר עַל הַמֶּלֶךְ, וּבְאוֹתוֹ שָׁנָה חָקַק חֹק שֶׁכָּל חַיָּל שֶׁיֵּשׁ לוֹ בֵּן בְּבֵיתוֹ הֲרֵי הוּא מְשֻׁחְרָר מֵהַשֵּׁרוּת. וְחָזַר רַבִּי אַהֲרֹן לְבֵיתוֹ, אוּלָם רַבִּי פִּנְחָס כְּבָר לֹא הָיָה בֵּין הַחַיִּים, שֶׁנִּפְטַר בְּאוֹתוֹ הַשָּׁנָה כִּדְבָרָיו בִּהְיוֹתוֹ צָעִיר לְיָמִים פָּחוֹת מִגִּיל אַרְבָּעִים.

נאר וואס דען, ער האט געזאגט די "חצות" פון שבת - 'תיקון לאה', נאר די קאפיטלעך. זי, עליה השלום (- אשת רלוי"צ), האט שוין אויך געקענט גוט חצות, האט זי געזאגט: "**טאטע, עס איז דאך נישט שבת, פארוואס זאגסטו דעם חצות פון שבת?**" (ענטפערט ער:) "**אזוי? - איך האב געמיינט אז ס'איז שבת!**"... - ווייטער מיט א געלעכטער, מיט א פרייליכקייט. און ער האט ווייטער אנגעהויבן צו זאגן דעם חצות פון שבת...

אז איך בין געקומען פון דאווענען פרייטאג אינדערפרי, איך בין אריינגעקומען, האב איך געזעהן דער מצב איז זייער (שמאָל). זאגט ער מיר: "**דו זאלסט מיך נעמען קיין אומאן אויף ראש השנה!**" - אזוי זאגט דער שווער צו מיר - "**דו זאלסט נישט פארגעסן וואס איך האב דיר געטוהן!**".

דער יאר פון תר"פ, דעמאלט איז געווען - רחמנא ליצלן - דער שארף פונעם שווערד איז געווען, עס האט זיך געגאסן בלוט אין די גאסן, מען האט נישט געקענט ארויסגיין פון שטוב; מען דארף פארן קיין אומאן אויף ראש השנה, איך האב דעמאלט געוואוינט אין טעפליק - ווי קען דאס זיין?! - מען האט דעם גוי (וואס האט געפירט א איד) אויך גע'הרג'עט - ווי קען זיין מען זאל פארן קיין אומאן אויף ראש השנה?! עס איז אזא מין הונגער געווען, איך האב נישט געהאט איבערצולעבן דעם טאג.

דאס איז געווען דער זומער פון ע"ט.

הכלל, מיר האבן געדונגען א פירל צו פארן, מען האט געגעבן דעם גוי אזויפיל געלט, א גוי האט דאך ליב געלט. אבער איך האב דאך נישט געהאט קיין געלט, איך האב נישט געהאט איבערצולעבן דעם טאג. זאגט דער שווער: "**איך וועל באצאלן פאר דיר; איך האב געזאמלט דעם גאנצן זומער געלט פאר מיר און פאר דיר אויך!**". האט דער שווער באצאלט פאר מיר אויך.

האט ער דאס דערמאנט: "דו זאלסט נישט פארגעסן וואס איך האב דיר געטוהן - איך האב דיר געבראכט אויף ראש השנה דעמאלט, ברענג מיך אויך אויף ראש השנה!".

נאר איך האב דאך געזעהן דעם מצב...

זיין עבודה איז געווען אויפן אויוון, דארטן האט ער געדינט דעם אויבערשטן. פריער איז ער געלעגן אין בעט. עס איז געקומען עפעס צוועלף אזייגער ביטאג, זאגט ער: "נעמט מיך ארויף אויפן אויוון!". ער איז געווען געשוואלן ווי א בארג - 'ווי קען מען אייך נעמען אויפן אויוון?!' זאגט ער, "ניין, נאר אויפן אויוון, נאר אויפן אויוון!" - דארטן איז געווען זיין אָרט פון עבודה.

מען האט אים גענומען אויפן אויוון, ער ליגט שוין אויפן אויוון. מען האט שוין געהאט אנגעהייצט דעם אויוון דארטן לכבוד שבת עפעס אפקאכן, האט ער געהייסן מען זאל אים געבן עפעס צו פארזוכן פון די שבת'דיגע מאכלים, האט מען אים געגעבן עפעס צו פארזוכן, און אין מינוטן איז ער נפטר געווארן.

האט מען געזעהן א גַדלות, ער האט געוואלט נפטר ווערן אויפן אויוון! דארטן איז געווען זיין עבודה, דארטן האט ער געדינט דעם אויבערשטן אלע נאכט, ער האט געוואלט דארטן נפטר ווערן, מען זאל אים נישט נעמען נאר דארטן אויפן אויוון - און דארטן איז ער נפטר געווארן... איי איי!

א שמייכל מיט א טאנץ מיט א שפרונג!

(היה אומר לאשתו בדרכו להתבודד ביער:) 'ער גייט צו דעם גראַף'. האט די שוויגער געזאגט: 'אלע טאג האסטו אנדערע פריצים'...[א]

ער איז נפטר געווארן פ"א, עס איז שוין עטליכע אין פופציג יאר.

אה, ער האט דורכגעלעבט א פרייליך לעבן, אַן ארעמאן און א פרייליך לעבן, 'בשמחה תמיד'! 'אשרי לו ואשרי חלקו'!

(אחד הנוכחים: ער איז דארטן אויך פרייליך!) אוודאי, ער איז דארטן אויך פרייליך!

[א] עיין שיש"ק ח"ד, אות של"ו: אַחַר תְּפִלָּתוֹ אַחַר שֶׁאָכַל חֲתִיכַת לֶחֶם מְרוּחָה בְּשׁוּם, הָיָה מְצַחְצֵחַ אֶת נְעָלָיו כְּמֵכִין עַצְמוֹ לָלֶכֶת לְבַקֵּר אָדָם חָשׁוּב, וּכְשֶׁשָּׁאֲלָה אוֹתוֹ זוּגָתוֹ: רַבִּי אַהֲרֹן, לְהֵיכָן הִנְּךָ הוֹלֵךְ? הָיָה עוֹנֶה לָהּ, עֲסָקִים שׁוֹנִים יֵשׁ לִי אֵצֶל הַפָּרִיץ וְצָרִיךְ אֲנִי לִהְיוֹת אֶצְלוֹ לְרֶגֶל עִסּוּקַי. וְהָיְתָה בִּתְמִימוּתָהּ שׁוֹאֶלֶת אוֹתוֹ וְכִי כָּל יוֹם צָרִיךְ הִנְּךָ לָלֶכֶת לַפָּרִיץ? וְהָיָה לוֹקֵחַ עִמּוֹ סַל עִם סְפָרִים וְהוֹלֵךְ וּמִתְבּוֹדֵד בַּיְּעָרוֹת שֶׁבִּסְבִיבָהּ, וְכָךְ נָהַג רוֹב יָמָיו, עַד לְסוֹף יָמָיו מַמָּשׁ.

פארוואס זאלן מיר נישט ווערן פאלגן דעם רבי'ן דערמיט?! מילא אז דער רבי זאגט דארטן - איך וויס, שווערע עבודות; דער רבי זאגט: "זיי פרייליך!" דער רבי זאגט: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד!", פארוואס זאל מען נישט ווערן פאלגן דעם רבי'ן דערמיט?! ער זאגט דאך מיר נישט - 'גיי פאַסט, מאך סיגופים', נאר, עס איז א 'מצוה גדולה' צו זיין 'תמיד' פרייליך, פארוואס זאלן מיר אים נישט פאלגן דערמיט?! - 'מצוה גדולה'!

אויף דעם שווער איז איבערגעגאנגען אזויפיל, ער האט געהאט אזויפיל נסיונות, מען האט אים אזוי גע'רודפ'ט, אזויפיל יארן אין א קליין שטעטל, אנגעטוהן צרות, און ער האט קיינמאל נישט גערעדט אנטקעגן קיינעם. אז מען האט זיך אנגענומען פאר אים - 'רעד נישט!'[יב].

א מענטש וואס איז אַן עובד ה', זעהט זיך עס ממש נישט אָן ביי אים אינגאנצן - א געשעפט?! רעדט ער! זאגט ער! ממש תמיד געווען מיטן אויבערשטן.

א מענטש וואס איז 'תמיד' פרייליך, איז 'תמיד' מיטן אויבערשטן; 'ואני תמיד עמך'.

פארוואס איז א מענטש אין 'מרה שחורה'? 'מרה שחורה', זאגט דער רבי[יג], איז דאך א מין 'עבודה זרה'. ווען א מענטש איז מרה שחורה'דיג איז ער נישט מיטן אויבערשטן; האט ער יסורים? וויל דאך דער אויבערשטער אזוי; בעט אים ער זאל עס צונעמען; פארוואס בין איך מרה שחורה'דיג? ווייל דעמאלט בין איך נישט מיטן אויבערשטן.

❖ ❖ ❖

# אז מען זאגט שוין 'זיין פרייליך' - וויל מען נישט

(לומד ליקו"מ תניינא תורה כ"ד)

---

[יב] עיין 'טעם זקנים' קונטרס קמ"ו: עס איז געווען איינמאל אין קיבליטש, איינער האט געזידלט דעם שווער, יענער איז געקומען צום שווער - א גארנישט. האב איך זיך געוואלט אננעמען דארט. (אמר לי חותני:) "וואס ווילסטו? דאס איז דאך אונזער זאך, מיר דארפן שווייגן - און ער דארף זידלען!' דאס איז דאך אינגאנצן אונזער חסידות - 'ער זידלט - און איך שווייג!'"...

[יג] ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ג.

זאגט דער רבי: "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד" - 'מצוה גדולה', א גרויסע מצוה! "וּלְהִתְגַּבֵּר לְהַרְחִיק הָעַצְבוּת וְהַמָּרָה שְׁחֹרָה בְּכָל כֹּחוֹ", אה - מיטן גאנצן כח זאל מען זיך שטארקן דערווייטערן דאס עצבות.

דער רבי זאגט דארטן[יד], ארייגליינג 'כל כוחו' אין 'תפילה'. דא זאגט דער רבי, זיך מתגבר זיין 'בכל כוחו' צו דערווייטערן די 'עצבות', ארייגליינג אלע כוחות! אז עס איז אים שווער, זאל ער זיך שטארקן 'בכל כוחו' אוועקטרייבן די עצבות.

"וְכָל הַחוֹלַאַת הַבָּאִין עַל הָאָדָם, כֻּלָּם בָּאִין רַק מִקִּלְקוּל הַשִּׂמְחָה. כִּי יֵשׁ עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה שֶׁהֵם בְּחִינַת שִׂמְחָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים צ"ב): "עֲלֵי עָשׂוֹר וְכוּ' כִּי שִׂמַּחְתַּנִי ה' בְּפָעֳלֶךָ" וְכוּ'.

זאגט דער רבי: "וְאֵלּוּ יוּד מִינֵי נְגִינָה בָּאִין בְּתוֹךְ עֲשָׂרָה מִינֵי דְּפָקִין, וְהֵם מְחַיִּין אוֹתָן" - די 'יו"ד מיני נגינה' קומען אריין אין די 'עשרה מיני דפיקין', און די 'עשרה מיני נגינה' זענען מחיה די 'עשרה מיני דפיקין'. "וְעַל כֵּן כְּשֶׁיֵּשׁ קִלְקוּל וּפְגַם בְּהַשִּׂמְחָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת יוּד מִינֵי נְגִינָה" - אז עס איז דא עפעס א קלקול און א פגם אין דער שמחה, אין די 'יו"ד מיני נגינה', איז דאך דער דופק נישט בסדר, ווייל די י' מיני נגינה גייען אריין אין די דפיקין, און אז עס איז יא עפעס א קלקול און א פגם אין דער שמחה, "עַל יְדֵי זֶה בָּאִין חוֹלַאַת" - קומט א 'חולאת', "מִן הַיּוּד מִינֵי דְּפָקִין, שֶׁנִּתְקַלְקְלִין עַל יְדֵי קִלְקוּל הַיּוּד מִינֵי נְגִינָה, שֶׁהֵם הַשִּׂמְחָה כַּנַּ"ל. כִּי כָּל מִינֵי חוֹלַאַת כְּלוּלִים בְּיוּד מִינֵי דְּפָקִין, וְכֵן כָּל מִינֵי נִגּוּנִים כְּלוּלִים בְּיוּד מִינֵי נְגִינָה".

דער רבי האט מתקן געווען די צען קאפיטלעך תהלים[טו], דאס איז דאך א געוואלדיגע 'שמחה'. דער פגם איז דאך פון 'יללה ועצבות'; און די י' קאפיטלעך תהלים, די 'עשרה מיני נגינה' איז דאך א מין שמחה'דיגע זאך; איז די 'י' מיני נגינה' דאס איז מבטל דער קליפה[טז].

---

[יד] ליקוטי מוהר"ן סי' ט', אות א'.

[טו] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תנינא סי' צ"ב; 'שיחות הר"ן' אות קמ"א.

[טז] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תולעים ה"ד אות ב': וְעַל כֵּן תִּקֵּן רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֲשָׂרָה מִזְמוֹרֵי תְּהִלִּים לְתִקּוּן הַבְּרִית שֶׁהֵם בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה בְּחִינַת שִׂמְחָה, כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת,

"וּכְפִי קִלְקוּל הַשִּׂמְחָה וְהַנִּגּוּן, כֵּן בָּא חוֹלַאַת כַּנַּ"ל. וְגַם חַכְמֵי הָרוֹפְאִים הֶאֱרִיכוּ בָּזֶה, שֶׁכָּל הַחוֹלַאַת עַל יְדֵי מָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת, וְהַשִּׂמְחָה הִוא רְפוּאָה גְּדוֹלָה.

"וְלֶעָתִיד תִּתְגַּדֵּל הַשִּׂמְחָה מְאֹד" - אַה, 'לעתיד'! א מענטש וואס האט אינזין דעם תכלית, איז ער דאך א איד פון 'לעתיד', ער איז דאך אַן 'עתיד'יגער'...

"לעתיד וועט די שמחה זיין זייער גרוים"; אז ער האט אינזין כסדר דעם תכלית, איז ער דאך א מענטש פון 'לעתיד'[יז].

"וְעַל כֵּן אָמְרוּ רַזַ"ל: 'עָתִיד הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לִהְיוֹת רֹאשׁ חוֹלָה לַצַּדִּיקִים לֶעָתִיד לָבוֹא'" - א ירושלמי איז דאס[יח]. 'חולה' איז דארטן דער טייטש 'א טאַנץ'. דער אויבערשטער וועט זיין א 'ראש חולה', דער אויבערשטער וועט זיין דער 'ראש' פון דער טאנץ. די צדיקים וועלן מאכן א 'מחול' פארן אויבערשטן, און דער אויבערשטער וועט זיין דער 'ראש' פון דעם 'מחול'.

באמת וואלט געדארפט דארט שטיין 'ראש מחול'. זאגט דער רבי, עס איז ביידע צוזאמען, ער וועט זיין 'ראש חולה', מיט 'ראש מחול'.

"דְּהַיְנוּ שֶׁיַּעֲשֶׂה מָחוֹל לַצַּדִּיקִים, וְהוּא יִתְבָּרַךְ יִהְיֶה רֹאשׁ חוֹלָה", דאס מיינט מען דארטן - 'מחול'; איז פארוואס שטייט טאקע 'חולה'? זאגט דער רבי: "כִּי שְׁכִינָה לְמַעְלָה מְרַאֲשׁוֹתָיו שֶׁל חוֹלֶה, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַזַ"ל (נְדָרִים מ), שֶׁנֶּאֱמַר: 'ה' יִסְעָדֶנּוּ עַל עֶרֶשׂ דְּוָי'. כִּי אֵין לְהַחוֹלֶה שׁוּם חִיּוּת, רַק הַשְּׁכִינָה מְחַיָּה אוֹתוֹ" - נאר די שכינה איז אים מחיה.

---

בְּחִינַת וַיִּתְעַצֵּב אֶל לִבּוֹ. הַנֶּאֱמַר בְּדוֹר הַמַּבּוּל שֶׁפָּגְמוּ בַּבְּרִית וְהִשְׁחִיתוּ אֶת דַּרְכָּם עַל הָאָרֶץ. וּלְהֵפֶךְ תִּקּוּן הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי שִׂמְחָה בְּחִינַת עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה. וְכֵן כָּתַב רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בְּמָקוֹם אַחֵר (בְּסִימָן כד לִקּוּטֵי חֵלֶק א); שֶׁעִקַּר גָּלוּת הַשְּׁכִינָה הוּא עַצְבוּת וְכוּ' וְכֵן בְּכַמָּה מְקוֹמוֹת. עַל כֵּן עִקַּר רְפוּאַת הַבַּת מֶלֶךְ בְּחִינַת נֶפֶשׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא עֲשָׂרָה מִינֵי נְגִינָה, בְּחִינַת שִׂמְחָה כַּנַּ"ל; גם עיין כעי"ז שם בהל' פו"ר ה"ג אות כ"ו.

[יז] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הראייה ה"ה אות כ': תֵּכֶף כְּשֶׁזּוֹכְרִין בָּעוֹלָם הַבָּא צָרִיךְ כָּל אֶחָד לִשְׂמֹחַ בְּחֶלֶק נְקֻדָּתוֹ הַטּוֹבָה שֶׁיֵּשׁ בּוֹ מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל. כִּי נְקֻדָּה דִּנְקֻדָּה מִקְּדֻשַּׁת יִשְׂרָאֵל שֶׁיֵּשׁ לְהַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, אֵין כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ כְּדַאי לִסְבֹּל תֹּקֶף עֹצֶם הַשִּׂמְחָה שֶׁיִּזְכֶּה לֶעָתִיד.

[יח] סוכה פרק לולב וערבה; ומדרש רבה שמיני פר' י"א.

"וְלֶעָתִיד עַל יְדֵי הַשִּׂמְחָה יִתְתַּקֵּן כָּל הַחוֹלַאַת כַּנַּ"ל, וְאָז יִהְיֶה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ רֹאשׁ חוֹלָה, דְּהַיְנוּ רֹאשׁ הַמָּחוֹל כַּנַּ"ל" - מיט דעם 'ראש מחול' וועט ער זיין דער 'ראש חולה'; וועט זיין אלע רפואות. "כִּי הַשִּׂמְחָה הִיא בְּחִינַת תִּקּוּן הַחוֹלֶה כַּנַּ"ל. וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִין הַשִּׂמְחָה וְהָרִקּוּדִין חוֹלָה כַּנַּ"ל" - דער "ירושלמי" רופט עס אָן 'חולה', "כִּי הֵם תִּקּוּן הַחוֹלַאַת כַּנַּ"ל", דערפאר רופט ער זיי אָן 'חולה'.

"וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לְהִתְגַּבֵּר מְאֹד בְּכָל הַכֹּחוֹת, לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד. כִּי טֶבַע הָאָדָם לִמְשֹׁךְ עַצְמוֹ לְמָרָה שְׁחֹרָה וְעַצְבוּת מֵחֲמַת פִּגְעֵי וּמִקְרֵי הַזְּמַן, וְכָל אָדָם מָלֵא יִסּוּרִים, עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַכְרִיחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכֹחַ גָּדוֹל לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וּלְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ בְּכָל אֲשֶׁר יוּכַל, וַאֲפִלּוּ בְּמִלֵּי דִּשְׁטוּתָא.

"אַף שֶׁגַּם לֵב נִשְׁבָּר הוּא טוֹב מְאֹד, עִם כָּל זֶה הוּא רַק בְּאֵיזוֹ שָׁעָה, וְרָאוּי לִקְבֹּעַ לוֹ אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם לְשַׁבֵּר לִבּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, כַּמּוּבָא אֶצְלֵנוּ, אֲבָל כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ צָרִיךְ לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה. כִּי מִלֵּב נִשְׁבָּר בְּקַל יְכוֹלִין לָבוֹא לְמָרָה שְׁחֹרָה, יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר יְכוֹלִין לִכָּשֵׁל עַל יְדֵי שִׂמְחָה, חַס וְשָׁלוֹם, לָבוֹא לְאֵיזֶה הוֹלֵלוּת, חַס וְשָׁלוֹם, כִּי זֶה קָרוֹב יוֹתֵר לָבוֹא מִלֵּב נִשְׁבָּר לְמָרָה שְׁחֹרָה. עַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּשִׂמְחָה תָּמִיד, רַק בְּשָׁעָה מְיֻחֶדֶת יִהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר".

עס איז דא א וואָרט וואס דער רבי האט געזאגט קעגן שבת: "אז מען זאגט שוין - 'קינדערלעך עסט' - וויל מען נישט עסן!"[יט]. עס שטייט דריי מאל (- "היום")[כ]: "אִכְלֻהוּ הַיּוֹם" - אום שבת. האט דער רבי א זאג געגעבן: אז מען זאגט שוין - 'קינדערלעך עסט', וויל מען שוין נישט עסן.

דאס איז אויך דאס אייגענע, אז מען זאגט שוין - 'זיי פריילעך'; וואס זאגט דער רבי? 'זיי פריילעך!' פארוואס זאל מען נישט פאלגן דעם רבי'ן?! אז "מצוה גדולה להיות

[יט] עיין 'חיי מוהר"ן' אות ל"ב: בָּעִנְיָן הַנִּדְפָּס בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים בְּסִימָן נ"ז וּבְסִימָן רע"ז לְעִנְיַן מַעֲלַת אֲכִילַת שַׁבָּת שֶׁהִיא כֻּלָּהּ קֹדֶשׁ וְעוֹלֶה לְמָקוֹם אַחֵר לְגַמְרֵי, דִּבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה הַרְבֵּה וְהִזְהִיר אוֹתָנוּ לֶאֱכֹל בְּשַׁבָּת וְלִשְׂמֹחַ וְכוּ' כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירָה תּוֹרָה (שְׁמוֹת ט"ז), **"אִכְלוּהוּ הַיּוֹם כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם"**, אִכְלוּ בָּנִים, **אַז מֶען זָאגְט שׁוֹין עֶסְט קִינְדֶער** (- כְּשֶׁכְּבָר אוֹמְרִים אִכְלוּ בָּנִים). אַחַר כָּךְ אָמַר, **גַּם אֶת זֶה אֵין יְכוֹלִין לְקַיֵּם**.

[כ] שמות טז, כה: 'וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אִכְלֻהוּ **הַיּוֹם** כִּי שַׁבָּת **הַיּוֹם** לַה', **הַיּוֹם** לֹא תִמְצָאֻהוּ בַּשָּׂדֶה'.

בשמחה תמיד", איז 'בכל כוחו' זאל ער זיך נייטן! מיט אלע כוחות! דער אויבערשטער זאל אונז העלפן.

(ר' בערל היילפרין: "התבודדות הוא מעלה עליונה וגדולה מן הכל" – מען זאל אויסלאזן מיט א גוט ווָארט!) און דאס איז נישט גוט?! זיין 'בשמחה תמיד' איז נישט גוט?! עס איז דא א פרייליכע התבודדות אויך!

❖ ❖ ❖

## אוועקגעבן א פרק א נפטר?

(לומד שם סי' כ"ה)

"הַהִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל. דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּטַעֲנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת".

אט דאס הייסט 'התבודדות' - רעדן פארן אויבערשטן מיט טענות אז דער אויבערשטער זאל אים מקרב זיין צו זיין עבודה מיט אַן אמת.

זאגט דער רבי: "וּתְפִלָּה וְשִׂיחָה זוֹ יִהְיֶה בַּלָּשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, דְּהַיְנוּ בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז (בִּמְדִינָתֵנוּ)" - 'במדינתנו' רעדט מען דאך 'אשכנז' - זשארגאָן. "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ, וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ. אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ, כִּי הַלֵּב נִמְשָׁךְ וְקָרוֹב יוֹתֵר אֶל לְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, מֵחֲמַת שֶׁהוּא מֻרְגָּל בּוֹ".

(ר' משה בינענשטאק: אין אנדערע שפראכן אויך?) טאקע אזוי; וואס מיינסטו? אז איינער קען נישט רעדן קיין אידיש, ער קען רעדן נאר ענגליש? איז וועט ער רעדן פארן אויבערשטן ענגליש!

[מען האט שוין אפגעדרוקט דעם ליקוטי מוהר"ן אויף ענגליש. (הרב צבי ארי') ראזענפעלד האט געזאגט פאר זיי א מאמר אין ליקוטי מוהר"ן, און ער האט געזאגט

חידושים אויף ענגליש. אלץ איז דא גרייט, אלע תורות, דעם גאנצן ליקוטי מוהר"ן, מיט פירושים, מפרשים מיט קבלה, ער איז דאך א מקובל אויך, האט מען אפגעדרוקט].

עס איז נישטא וואס צו רעדן, די וואס קענען נישט קיין אנדער שפראך, זאלן רעדן דער שפראך צום אויבערשטן.

"וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז יָכוֹל לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ. וְאֶת כָּל אֲשֶׁר עִם לְבָבוֹ יָשִׂיחַ וִיסַפֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ". אה, דאס אליין, מקיים זיין וואס דער רבי זאגט דא, דעמאלט וואלט ער דאך געהאט דיבורים צו רעדן אסאך.

אזוי זעהט דאך אים אויס אז ער האט נישט קיין דיבורים, ער רעדט אלעמאל די אייגענע (- די זעלבע דיבורים), האט ער גארנישט קיין דיבורים צו רעדן. אבער אז ער זאל זיך אויסרעדן 'כל לבבו', אלעס וואס אויף אים גייט איבער 'במחשבה דיבור מעשה' - א מענטש האט דאך א טאג, גייט דאך עפעס איבער.

דער רבי ברענגט[כא]: דער אויבערשטער איז זיך מצמצם 'מאין־סוף, מתחילת אצילות', ביז דער 'סוף המרכז של עולם הגשמי', און ער איז יעדן איינעם מזמין 'מחשבה דיבור ומעשה' 'רמזים לקרבו'.

עס גייט דאך אויף א מענטש עפעס איבער געדאנקען מיט - - זאל ער דאס אליין דערציילן דעם אויבערשטן. אז ער וועט מקיים זיין בפשיטות וואס דער רבי זאגט דא, דער רבי לערנט דאך אונז וואס הייסט 'התבודדות', דערציילן 'כל לבו', וועט אים ממש גאר פעלן צייט.

אז ער האט שוין זיינע רייד דארטן אזוי ווי א מין אויסגעשטעלטע זאך, רעדט ער אפ דארטן, און עס פעלט אים דיבורים צו רעדן. אבער אז ער האט אַן אנדער סארט סדר, דערציילן דעם אויבערשטן 'כל לבו' - 'איך האב היינט געדאוונט, ווי אזוי האב איך היינט געדאוונט, איך האב היינט געדאוונט שמונה עשרה, עס איז מיר איינגעפאלן

[כא] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ד אות ב': כָּל יוֹם יֵשׁ בּוֹ מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, וְהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מְצַמְצֵם אֱלֹקוּתוֹ מֵאֵין סוֹף עַד אֵין תַּכְלִית. עַד נְקֻדַּת הַמֶּרְכָּז שֶׁל עוֹלָם הַגַּשְׁמִי שֶׁעוֹמֵד עָלָיו, וּמַזְמִין לוֹ לְכָל אָדָם מַחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה, לְפִי הַיּוֹם וּלְפִי הָאָדָם וּלְפִי הַמָּקוֹם. וּמַלְבִּישׁ לוֹ בְּזֹאת הַמַּחֲשָׁבָה דִּבּוּר וּמַעֲשֶׂה שֶׁמַּזְמִין לוֹ רְמָזִים כְּדֵי לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ.

אזוי, איך האב אפגעדאוונט 'פסוקי דזמרה', איך האב היינט געזאגט 'קטורת'!' - אלעס דערציילן - 'כל לבו' דערציילן דעם אויבערשטן.

מען זאגט דעם פרק 'איזהו', עס איז א גרינגע זאך דער פרק 'איזהו'. א מעשה איז געווען אמאל ביי דעם 'מאור ושמש', דער 'מאור ושמש' איז געווען א תלמיד ביים רבי'ן ר' אלימלך. איז געקומען צום 'מאור ושמש' דארטן א נשמה, פארטאג, פארן דאווענען - 'געוואלד, זי וויל א תיקון, זי וויל א תיקון!'. זאגט ער: "וואס קען איך דיר טוהן? נאדיר אוועק דעם פרק 'איזהו'!".

איז אוועק די נשמה מיט אזא מין שמחה - 'אה, געפאקט א פרק 'איזהו' פון דעם 'מאור ושמש'!'.

אז ער איז געקומען צום רבי'ן ר' אלימלך און אים דערציילט דער זאך, זאגט דער רבי ר' אלימלך: "**א גאנצן פרק אוועקגעבן א נפטר?! און איין משנה איז קארג?! און איין אות איז קארג?!**".

זעהען מיר ארויס דערפון וואס די צדיקים - - עס איז געווען עפעס א פרק 'איזהו'.

עס איז א פרק וואס איז נישטא קיין שום מחלוקת, אויסגעציילט די אותיות, א געוואלדיגע קדושה ליגט אין דעם פרק 'איזהו', 'זאג איך דעם פרק 'איזהו'?!' די ספרים שרייבן געוואלדיגע גרויסקייטן אויף דעם פרק 'איזהו'[כב], אזוי הייליג, אזוי גרויס, אויסגעציילט די אותיות מיט די תיבות מיט די משנות, און מיר זאגן דאס אפ.

און אזוי קעגן 'קטורת' בכוונה, און דער פאָרנט פון דעם דאווענען, מען כאפט, כאפט, כאפט עס אפ. אבער אז מען וועט דאס אויך דערציילן דעם אויבערשטן, 'כל לבו', וועט ער שוין מארגן דאווענען בעסער, וועט ער שוין מארגן אפהיטן דעם פרק 'איזהו' אנדערש, וועט ער שוין מארגן אפהיטן דעם 'קטורת' אנדערש; אט דאס איז דער טייטש 'כל לבו' - 'כל לבו'.

---

[כב] עיין 'שולחן הטהור' (קאמארנא) סי' נ': יזהר לומר 'איזהו מקומן' שלא יצטרך להתגלגל על זה.

פון דעם רבי'ן ר' זושא איז דא א וואָרט: "**איך וועל נישט אפגעבן קיין 'דין וחשבון' וואס איך האב נישט מקריב געווען דעם 'קרבן תמיד'; איך וועל אפגעבן 'דין וחשבון' וואס איך האב נישט געזאגט עס זאל זיין גלייך - 'כאילו הקרבתי'!**".

דער רבי רעדט דא פון 'התבודדות', פון '**לספר לפניו כל לבו**'! אז אלץ דערציילט מען דעם אויבערשטן, 'כל לבו', דאס בענטשן מיט די ברכות, דאס עסן מיט דעם 'זיך לייגן שלאפן', וואס טראכט ער פארן שלאפן, און אינמיטן שלאפן, עס איז דאך א גאנצער טאג - עס איז עפעס א קלייניקייט א טאג?! א טאג פון פיר־און־צוואנציג שעה, און אלעם דערציילן דעם אויבערשטן, דעמאלט איז די שעה גארנישט מספיק, נאר עס פעלט מיר נאך צייט.

אין יעדער זאך דארף מען האבן 'התחדשות', ארומרעדן דער זאך.

דערפאר טאקע קען מען קומען צו אלע גרויסקייטן וואס די גדולים זענען געקומען דערצו, ווייל זיי האבן אלץ דערציילט דעם אויבערשטן, זיי זענען אזוי געווען איבערגעגעבן צום אויבערשטן, אז זיי זענען געווען אינגאנצן - 'איך בין תמיד מיט דיר', 'אלעם דערצייל איך דיר', איז ער טאקע געווען תמיד מיטן אויבערשטן, איז ער טאקע געווען א הייליגער מענטש[כג].

❖

## וואַרט נישט אויף מאָרגן

עס איז דא נאך א זאך; אונזערע לייט פלעגן רעדן דערפון: א מענטש דארף נישט ווארטן; למשל, אז ער האט א שעה התבודדות - 'שוין, גוט'. אז בייטאג איז ער נכשל געווארן עפעס אין א קוק, אין א טראכט, זאל ער ווארטן אויף מארגן? דו דארפסט דאך דאס דערציילן דעם אויבערשטן באלד! מארגן וועט ער דערציילן דאס?! און ביז מארגן?! אז איך האב געטראכט (וואס טויג נישט), איז מארגן וועל איך דערציילן דעם

[כג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ר"ח ה"ו אות י"א: אֵין שׁוּם דָּבָר שֶׁיְּקָרֵב וִידַבֵּק אֶת הָאָדָם לַה' יִתְבָּרַךְ כְּמוֹ הַתְּפִלָּה, שֶׁהִיא עִקַּר הִתְחַבְּרוּת וּדְבֵקוּת שֶׁל יִשְׂרָאֵל לַה' יִתְבָּרַךְ, כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּלִקּוּטֵי תִּנְיָנָא סִימָן פ"ד 'דַּע שֶׁעִקַּר הִתְחַבְּרוּת' וְכוּ'.

**אויבערשטן?! - ניין! - 'רבונו של עולם, געוואלד, איך האב געכאפט א קוק, איך האב געכאפט א טראכט!' - מען דארף שוין רעדן צום אויבערשטן, נישט ווארטן אויף מארגן**[כד].

**עס ווערט געבראכט, דער בעל־דבר לויפט פריער, ער איז שוין מקטרג - 'ער האט געטראכט, ער האט געקוקט'. איז "השכם" - פעדער זיך פריער; איידער ער קומט - דערציייל שוין דעם אויבערשטן, האב שוין חרטה.**

**קומט אויס, דער ענין פון התבודדות איז אוודאי א גרויסע עצה, אבער אז מען כאפט א קלאפ אינמיטן טאג, דארף מען אויך 'שוין' רעדן פארן אויבערשטן, שוין דערציילן און האבן חרטה פארן אויבערשטן, נישט ווארטן און עס אפלייגן אויף מארגן.**

(אחד הנוכחים: קומט דאך אויס, ביי יעדער זאך אז ער פילט אז עס איז דא א זאך וואס ער האט דאס נישט געדארפט טוהן, דארף ער שוין רעדן צום אויבערשטן אויף דעם?) **טאקע אזוי, דארף ער "שוין" - ער קען "שוין" האבן חרטה.**

**עס איז א דיבור דא, ר' נחמן טולטשינער אין א בריוו צו ר' יחזקאל העשיל**[כה] **שרייבט ער אים דארטן: "אז דו קענסט נישט רעדן פארן אויבערשטן - אויפהויבן די אויגן פארן אויבערשטן איז אויך זייער גרוים!"**[כו].

---

[כד] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' אונאה ה"ב אות ג': וְזֶה בְּחִינַת מַה שֶּׁצְּרִיכִין לְתַקֵּן כָּל הַקִּלְקוּלִים וְהַפְּגָמִים בְּאוֹתוֹ יוֹם דַּיְקָא שֶׁפָּגַם בּוֹ, חַס וְשָׁלוֹם קֹדֶם שֶׁיִּכְנֹס הַיּוֹם הַשֵּׁנִי, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים שֶׁצְּרִיכִין לְהִתְוַדּוֹת בְּכָל לַיְלָה דַּיְקָא עַל כָּל מַה שֶּׁעָשָׂה.

[כה] ה"ה החסיד **ר' יחזקאל העשיל** ב"ר משה לייב **הערשונוב-קארסינסקי**. חתן ר' יצחק מהייסין (מתלמידי מוהרנ"ת). היה מחותנו של הרב מטשעהרין [- בת הרב מטשעהרין היתה כלתו]. עוד הכיר את ר' נפתלי תלמיד רביז"ל, והיה מרבה לספר ממנו. התפלל עם אנ"ש בראש השנה למעלה מע' שנה. נלב"ע ט"ו שבט תרצ"ד כ-למעלה מבן צ'.

[כו] עיין 'עלים לתרופה' - מכתבי מוהרנ"ט בסוף הספר, במכתב מיום ג' עקב תרל"ג: וְדַע יְדִידִי אֲשֶׁר אִם יְכוֹלִין לִשְׁפֹּךְ לְבָבוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּוַדַּאי מַה טּוֹב הֵן בִּתְהִלִּים וְהֵן בִּתְפִלּוֹת וּבְהִתְבּוֹדְדוּת כַּאֲשֶׁר לִמְּדָנוּ אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, **אַךְ אִם הַלֵּב אָטוּם** וְאֵין מִלָּה בְּפִינוּ בִּבְחִינַת אֵין לִי פֶּה לְדַבֵּר וְכוּ' שֶׁאָמְרוּ וְצָוְחוּ הַקַּדְמוֹנִים, **אָז הָעִקָּר לִשָּׂא עֵינֵינוּ לַמָּרוֹם אֲשֶׁר זֹאת יָקָר אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ בְּלִי שִׁעוּר** כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי נְבִיאִים וּבְדִבְרֵי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה.

הויב אויף די אויגן![כז]

דער שכל איז דאך אויך אזוי מחייב; אז א מענטש ווערט נכשל מיט א קוק, מיט א טראכט, מיט א דיבור, דארף ער דאך שוין זאגן - 'רבונו־של־עולם, איך האב חרטה, איך האב חרטה!'.

ער איז דאך מקטרג, ער וועט דאך באלד לויפן. אין דער הקדמה פון "תיקונים" שטייט[כח]: "הבא להרגך" - דאס איז דער יצר־הרע, ער קומט 'בכל יום' מיט טענות, ער וויל יעדן איינעם אוועק'הרג'ענען; איז "השכם" - פעדער דיך פריער, נאך איידער ער קומט; דעמאלט וועט דער אויבערשטער זאגן - 'איך האב שוין געהערט פון אים אליין, ער האט מיר שוין אליין דערציילט, איך דארף שוין פון דיר נישט הערן!'.

איז דאך נישט שייך צו זאגן 'איך וועל ווארטן אויף מארגן אויף אַן אנגעשטעלטע שעה'; דו האסט טאקע אַן אנגעשטעלטע שעה, אבער דערווייל אז דו האסט געכאפט א קלאפ, דארפסטו שוין דאס רעדן פאר אים, שוין האבן חרטה.

(אחד הנוכחים: און וואס לאזט ער איבער אויף דער שעה?) אוי אוי, דער וואס טוהט דער זאך - אוי וועט ער האבן נאכדעם וואס צו רעדן...

## בלויז אנדערהאלבן מינוט בושה

"הֵן חֲרָטָה וּתְשׁוּבָה עַל הֶעָבָר, וְהֵן בַּקָּשַׁת תַּחֲנוּנִים לִזְכּוֹת לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ מֵהַיּוֹם וּלְהָלְאָה בֶּאֱמֶת".

---

[כז] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פקדון ה"ד אות י"א: וַאֲפִלּוּ אִם הוּא כְּמוֹ שֶׁהוּא אַף עַל פִּי כֵן **כָּל זְמַן שֶׁתּוֹלֶה עֵינָיו לַמָּרוֹם** וְשׁוֹמֵר וּמְצַפֶּה וּמַמְתִּין לִישׁוּעָתוֹ יִתְבָּרַךְ **עַל יְדֵי זֶה בְּעַצְמוֹ** יָחוּס וְיַחֲמֹל עָלָיו ה' יִתְבָּרַךְ וִיקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת וְיִתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה; גם עיין שם הל' גביית חוב מהיתומים ה"ג אות י"ז: **עַל יְדֵי כָּל הַבָּטָה וְגַעְגּוּעַ שֶׁמַּבִּיט וְתוֹלֶה עֵינוֹ לְרַחֲמָיו יִתְבָּרַךְ** וְעַל יְדֵי כָּל תְּנוּעָה וּתְנוּעָה שֶׁפּוֹנֶה לְהַקְּדֻשָּׁה, **עַל יְדֵי כָּל זֶה זוֹכֶה בְּכָל פַּעַם לְשַׁבֵּר חוֹמוֹת בַּרְזֶל וְדַלְתוֹת נְחֹשֶׁת** אַף עַל פִּי שֶׁאַחַר כָּךְ מִתְגַּבְּרִין עָלָיו בְּכָל פַּעַם, רַחֲמָנָא לִצְלַן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין יְגִיעוֹ לָרִיק, חַס וְשָׁלוֹם, וְאֵין שׁוּם תְּנוּעָה שֶׁפּוֹנֶה לְהַקְּדֻשָּׁה נֶאֱבֶדֶת חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם הוּא חָזָק וְאַמִּיץ לְבַקֵּשׁ וּלְחַפֵּשׂ יוֹתֵר אַף אִם יַעֲבֹר עָלָיו מָה, **בְּוַדַּאי סוֹף כָּל סוֹף יִזְכֶּה לִמְצֹא אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ**.

[כח] דף ח' ע"ב.

עס איז פארהאן אמאל, צדיקים גיבן אויך א 'דין־וחשבון', צדיקים, גרויסע מענטשן, דער אויבערשטער איז נישט מוותר קיינעם נישט. אז משה רבינו האט געהאט א פגם, איז ער נישט געקומען קיין ארץ ישראל, ער איז קיינעם נישט מוותר.

נאר וואס דען, אז דער מענטש האט באלד חרטה, ער טוהט תשובה - תשובה העלפט אויף יעדער זאך. עס קען זיין אמאל וואס א מענטש זאל נישט האבן קיין חרטה אויף א זאך, ער איז א גרויסער מענטש, און מען וועט אים דַן זיין פאר דער זאך.

מען האט שוין כמה גערעדט דער זאך, און מען וועט דאס נאכאמאל איבער'חזר'ן, מען חזר'ט איבער א זאך, אפשר אזוי וועט דאס אריינגיין אין קאפ אריין.

עס איז איינער געווען, דאכט זיך ער איז געווען פון די תלמידי האריז"ל, [איך האב עס געהערט דערציילן[כט]], ער איז געווען א גדול פון די גדולים. אז ער איז נפטר געווארן, געווענטליך (- פארשטייט זיך), מען דארף אים געבן 'עולם הבא' - עפעס א קלייניקייט?! - א גדול פון די גדולים! ער איז געווען א גרויסער 'זכאי'.

אבער דארטן איז דאך דא מקטרגים. איז געקומען איינער א מקטרג און געזאגט, ער האט עפעס א קטרוג אויף אים. 'וואס איז?' - 'מען האט אים אויפגערופן אמאל צו דער תורה, און ער האט מקפיד געווען דארטן אז די עליה איז נישט געווען 'לפי כבודו' - איז דאס אַן 'עלבון התורה'!' - מאָנט ער (- דער מקטרג) פאר דעם 'עלבון תורה'.

ווייזט אויס, ער האט נישט געהאט קיין חרטה. א צדיק ווען ער זאל ווען האבן חרטה אויף דעם 'עלבון תורה', איז דאך עס 'תשובה'. ווייזט אויס ער האט געהאלטן אז דאס איז גאר נישט קיין עלבון, עס קומט אים אזוי.

הכלל, אויבן גייט נישט, אויבן אז מען זאגט (אז עס איז אַן עלבון), זאגט מען. האט מען אים דַן געווען אנדערהאלבן מינוט 'בושה'. ער איז דאך געווען א צדיק, האט דער אויבערשטער אים מכסה געווען. די 'בושה' איז דאך פאר אלע צדיקים אין גן־עדן, עס איז א געוואלדיגער (צער).

---

[כט] עיין ספר 'מגיד משנה האחרון' (שנת תש"ה), שם מובא שהמעשה היה עם זקן גדול אחד מה שסיפר לרבי חיים מקאסוב זי"ע בעמ"ס תורת חיים, עיין שם.

(האט ער נאכדעם געזאגט:) 'ווען נישט דער אויבערשטער האט אים מכסה געווען, וואלט ער בעסער באשטאנען 'גלגול' ווי איידער די אנדערהאלבן מינוט 'בושה'!'...

דער אויבערשטער האט אים מכסה געווען אז די בושה זאל נישט זיין אזוי גרויס[ל].

פארוואס דערציילן מיר תמיד דער מעשה? פאר דעם צדיק - 'אשרי לו ואשרי חלקו!' נאר אז דער מענטש טוהט אויף עפעס א זאך נישט קיין תשובה, איז עס א פגם, אפילו ער איז מלא צדקות, דאס איז א פגם, דער אויבערשטער נעמט נישט קיין שוחד.

וואס הייסט אז דער אויבערשטער נעמט נישט קיין 'שוחד'? ער נעמט נישט קיין מצוה פאר קיין עבירה; אפילו איך האב טויזנטער מצוות, אז איך האב איין פגם, אויב איך טוה נישט קיין תשובה, איז עס א 'פגם' און איך וועל אפגעבן 'דין־וחשבון' דערויף.

דערפאר טאקע, א מענטש אז ער האט 'ישוב הדעת', ווייסט ער דאך - 'אט דאס איז אויך א פגם', 'אט דאס איז אויך א פגם'. מען זעהט דאך כמה אזעלכע זאכן - פגמים וואס דער מענטש האט און ער האלט עס גארנישט פאר א פגם אינגאנצן.

די טובה פון התבודדות איז, ער ווערט אלץ גאר געוואויר אז דאס טאר מען אויך נישט, ער דעקט אויף אלעמאל נייע זאכן - 'אוי, דאס טאר מען דאך אויך נישט!'. אז ער האט א שייכות מיטן אויבערשטן, האט ער דאך א שייכות מיט דעם 'מקור האמת', דעקט זיך אים אלעמאל אויף נייע זאכענישן.

עס ווערט געבראכט, מסתמא איז עס א 'ילקוט'[לא]: משה רבינו האט געהאט דעם פגם פון 'הכאת הצור', האט ער נישט געבעטן באלד דער אויבערשטער זאל אים מוחל

---

[ל] עיין 'ליקוטי תפילות' - תפילה כ"ב: אַתָּה לְבַד יָדַעְתָּ שֶׁאֵין צַעַר וְעִנּוּי וְיִסּוּרִין בָּעוֹלָם נֶחֱשָׁבִים כְּלָל כְּנֶגֶד הַצַּעַר שֶׁל הַבּוּשָׁה הַזֹּאת חַס וְשָׁלוֹם, וַאֲפִלּוּ צַעַר גֵּיהִנָּם הַקָּשֶׁה וָמַר מִכָּל מִינֵי יִסּוּרִין קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם הַזֶּה אֲשֶׁר אִם יִתְקַבְּצוּ יַחַד כָּל מִינֵי יִסּוּרִים וְעִנּוּיִם קָשִׁים וּמָרִים שֶׁבָּעוֹלָם, עַל אָדָם אֶחָד, חַס וְשָׁלוֹם, כָּל יְמֵי חַיָּיו חָלִילָה, לֹא יִהְיוּ נֶחֱשָׁבִים מְאוּמָה כְּנֶגֶד **שָׁעָה אַחַת** וַאֲפִלּוּ כְּנֶגֶד **רֶגַע אַחַת** שֶׁל צַעַר שֶׁל גֵּיהִנָּם וְאַף-עַל-פִּי- כֵן **אֲפִלּוּ צַעַר שֶׁל גֵּיהִנָּם הַקָּשֶׁה אֵינוֹ נֶחְשָׁב כְּלָל כְּנֶגֶד צַעַר הַבּוּשָׁה**, שֶׁהוּא צַעַר גָּדוֹל מִכָּל מִינֵי צַעַר וְיִסּוּרִים שֶׁבָּעוֹלָם, וַאֲפִלּוּ מִצַּעַר גֵּהִינָּם, כַּאֲשֶׁר גִּלּוּ לָנוּ צַדִּיקֶיךָ הָאֲמִתִּיִּים.

[לא] עיין דברים רבה יא, י': "**כִּי לֹא תַעֲבֹר אֶת הַיַּרְדֵּן**". **וְדָבָר זֶה הָיָה קַל בְּעֵינָיו שֶׁל מֹשֶׁה**, שֶׁאָמַר, יִשְׂרָאֵל חָטְאוּ חֲטָאוֹת גְּדוֹלוֹת כַּמָּה פְּעָמִים, וְכֵיוָן שֶׁבִּקַּשְׁתִּי עֲלֵיהֶם רַחֲמִים מִיָּד קִבֵּל מִמֶּנִּי, שֶׁנֶּאֱמַר (דברים ט, יד): הֶרֶף מִמֶּנִּי וְאַשְׁמִידֵם, מַה כְּתִיב תַּמָּן (שמות לב, יד): וַיִּנָּחֶם ה' עַל הָרָעָה. (במדבר יד, יב): אַכֶּנּוּ בַדֶּבֶר וְאוֹרִשֶׁנּוּ, מַה כְּתִיב תַּמָּן (במדבר יד, כ): וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי וגו', אֲנִי שֶׁלֹּא חָטָאתִי מִנְּעוּרַי לֹא כָּל שֶׁכֵּן כְּשֶׁאֶתְפַּלֵּל עַל

זיין, ווייל ער האט געהאלטן - 'איך האב דאך אזויפיל זאכן גע'פועל'ט ביים אויבערשטן, וועל איך דאס אויך פועל'ן' - ער האט דאס נישט געהאלטן פאר אזא מין גרויסע זאך. האט דער אויבערשטער געזאגט: "ביי דיר איז דאס קליין? וועל איך דיר ווייזן אז דאס איז נישט קיין קליינע זאך!".

ברענגט ער דארטן פון די פריערדיגע, ווען ער זאל ווען באלד בעטן, וואלט עס נמתק געווארן. ער האט געהאלטן אז ער דארף נישט שוין בעטן דערויף - גרעסערע זאכן האט ער שוין גע'פועל'ט ביים אויבערשטן.

קענן וואס רעדן מיר דאס? מיר רעדן חלילה דעם גנאי פון משה רבינו?! מיר רעדן נאר דער זאך, דעם לימוד, א מענטש דארף מחמיר זיין דער זאך, אז ער האב עפעס אַן עוולה - דערצייל דעם אויבערשטן, האב שוין חרטה פארן אויבערשטן - 'איך האב חרטה, איך בין נכשל געווארן!' אז איך האב געהערט א ווארט לשון הרע - 'איך האב חרטה, איך האב חרטה!' - נישט וואַרטן.

ער האט דארטן אַן אפגעצייילטע שעה התבודדות - איז וועל איך מארגן דערציילן דעם אויבערשטן? וועט ער דאך - דער מקטרג - קומען פריער; איידער דו וועסט רעדן, וועט ער שוין רעדן זיינ'ס; מוזטו דאך שוין האבן חרטה.

## 'ובעבור תהיה יראתו על פניכם'

וואס הייסט תשובה? תשובה איז 'חרטה', 'בושה'[לב]. עס שטייט[לג]: "וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה יִרְאָתוֹ עַל פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ". זאגט די גמרא[לד], דאס מיינט מען 'בושה'.

---

**עַצְמִי שֶׁיְּקַבֵּל מִמֶּנִּי, וְכֵיוָן שֶׁרָאָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שֶׁקַּל הַדָּבָר בְּעֵינָיו שֶׁל מֹשֶׁה וְאֵינוֹ עוֹמֵד בִּתְפִלָּה, מִיָּד קָפַץ עָלָיו וְנִשְׁבַּע בִּשְׁמוֹ הַגָּדוֹל שֶׁלֹּא יִכָּנֵס לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

[לב] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' ו'; שם תניינא סי' ע"ב, שעיקר התשובה היא ע"י הבושה.

[לג] שמות כ, יז.

[לד] גמ' נדרים כ.

**דער רבי זאגט אין תורה ל"ח[לה]: "דער מענטש דארף זיך ארומקוקן צו ער איז דבוק אינעם אויבערשטן; און דער סימן איז, תפילין". פּראַסט פּשט איז, ער לייגט** תפילין. (לכאורה) אז א מענטש לייגט תפילין, איז ער דען א גאנצן טאג דבוק אינעם אויבערשטן? נאר דער רבי זאגט ווייטער[לו], 'תפילין' איז די זאך פון 'בושה'. 'תפילין' איז, "כִּי שֵׁם ה' נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ"[לז] זאגט די גמרא[לח] - דאס איז 'תפילין'. און "יראתו על פניכם" דאס איז 'בושה'. אז דער מענטש שעמט זיך פארן אויבערשטן, איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן, ער האט בושה.

אז א מענטש גייט ארום מיט א גאנצער 'ישות', איז ער נישט דבוק אין אויבערשטן.

א מענטש דארף תמיד וויסן ביי זיך - ער זאל זיך שעמען פארן אויבערשטן. אז ער האט 'בושה', דאס איז 'תפילין', איז א סימן אז ער איז דבוק אין אויבערשטן.

די משנה זאגט[לט]: "עז פנים לגיהנום, ובושת פנים לגן עדן". וואס מיינט די משנה "ובושת פנים"? און וואס מיינט די משנה "עז פנים לגיהנום"? אז ער טוהט אַן עבירה? ער איז מחלל שבת? איז קומט דאך אים גיהנום פארן 'חילול שבת', וואס איז דער לשון 'עז פנים' לגיהנום? פאר 'עבירות' קומט 'גיהנום' און פאר 'מצוות' קומט 'גן עדן'! נאר, פאר דעם 'עזות' אליין קומט שוין 'גיהנום', און פאר דער 'בושה' אליין קומט גן־עדן; אז ער שעמט זיך פארן אויבערשטן, דאס איז א באזונדערע זאך.

דער רבי ברענגט טאקע דארטן אין תורה כ"ב[מ]: "**האי מאן דקָץ כּוּפרא**"; זאגט דער רבי, 'כופרא' מיינט 'עזות', (כמו שכתוב:) "**הַכְּפִירִים שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף**". "והשיב: **בשישים**".

---

[לה] אות א'.

[לו] אות ה'.

[לז] דברים כח, י.

[לח] ברכות ו.

[לט] אבות פ"ה מ"כ.

[מ] אות י"א, וזל"ש: **בָּעֵי מִנֵּיהוּ: הַאי מַאן דְּקָץ כּוּפְרָא מַאי מְשַׁלֵּם?** קָץ כּוּפְרָא הוּא בְּחִינַת שֶׁפָּגַם בְּעַזּוּת. כּוּפְרָא הוּא בְּחִינַת עַזּוּת, בְּחִינוֹת קוֹלוֹת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ק"ד): "**הַכְּפִירִים שֹׁאֲגִים לַטָּרֶף**". וְשָׁאַל: מַאי מְשַׁלֵּם מִי שֶׁפָּגַם בְּזֶה הָעַזּוּת? וְהֵשִׁיבוּ: מְשַׁלֵּם כּוּפְרָא כְּמוֹ שֶׁפָּגַם יְשַׁלֵּם. וְשָׁאַל: וְהָא קָא הָוֵי תַּמְרֵי כִּי עַל יְדֵי זֶה שֶׁפָּגַם בְּעַזּוּת יָכוֹל לָבוֹא לְקִלְקוּל הָאֱמוּנָה. וְזֶה תַּמְרֵי, בְּחִינַת (יִרְמְיָה ב): "הַהֵימִיר גּוֹי אֱלֹהִים, וְעַמִּי

׳בששים׳ מיינט מען ׳גיהנום׳. דער עונש פון ׳עזות׳ איז געבליבן אין ׳גיהנום׳. אלעס האט אברהם אבינו געקענט איבערבייטן אויף ׳שעבוד מלכיות׳, אבער ׳עזות׳ איז געבליבן אין ׳גיהנום׳.

קומט דאך אויס, ׳עז פנים לגיהנום׳ - ׳עזות׳ איז ׳לגיהנום׳, דאס איז א באזונדערע זאך. און ׳בושה׳ איז א באזונדערע זאך. א מענטש דארף האבן עפעס א ׳בושה׳, אט דאס איז א סימן אז ער איז דבוק אינעם אויבערשטן.

מען גייט נאך ארום, ׳איך לערן דאך, איך דאווען דאך, איך בין דאך פול׳, איז ער נישט דבוק אינעם אויבערשטן, מען דארף האבן דער מידה פון ׳בושה׳.

❖

## אי אפשר לפרש עד הסוף

זאגט דער רבי: ״וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה כָּל חַד לְפוּם דַּרְגֵּהּ. וְיִזָּהֵר מְאֹד לְהַרְגִּיל עַצְמוֹ לְהַתְמִיד בָּזֶה מִדֵּי יוֹם בְּיוֹם שָׁעָה מְיֻחֶדֶת כַּנַּ״ל״.

אה - ״להרגיל עצמו״!

זאגט דער רבי: ״וּשְׁאָר הַיּוֹם יִהְיֶה בְּשִׂמְחָה כַּנַּ״ל״.

אונזערע לייט פלעגן זאגן: אט די שעה איז מסוגל צו זיין ׳שאר היום בשמחה׳; אז מען היט אפ דער שעה, איז עס טאקע מסוגל אז מען זאל זיין ׳בשמחה בשאר היום׳[מא].

---

הֱמִיר כְּבוֹדִי״ וְכוּ׳. וְהֵשִׁיבוּ: יְשַׁלֵּם תְּמְרֵי כְּמוֹ שֶׁמַּגִּיעַ עַל קִלְקוּל הָאֱמוּנָה. וְהָא לָא הֲוֵי תַּמְרֵי כִּי אַף עַל פִּי כֵן עֲדַיִן לֹא בָּא לִכְפִירוֹת. וְהֵשִׁיב: **בְּשִׁשִּׁים הַיְנוּ גֵּיהִנֹּם**, ׳שֶׁכָּל הָעוֹלָם אֶחָד מִשִּׁשִּׁים לְגֵיהִנֹּם׳, כִּי ׳עַז פָּנִים לְגֵיהִנֹּם׳; **כִּי הָעֳנָשִׁים שֶׁל כָּל הַדְּבָרִים הֶחֱלִיף אַבְרָהָם אָבִינוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, עַל שִׁעְבּוּד מַלְכֻיּוֹת, אַךְ עֹנֶשׁ הָעַזּוּת נִשְׁאַר רַק בַּגֵּיהִנֹּם**. וְזֶה שֶׁפָּגַם בְּעַזּוּת דִּקְדֻשָּׁה עַל יְדֵי עַזּוּת פָּנִים דְּסִטְרָא אָחֳרָא, יְשַׁלֵּם בְּשִׁשִּׁים, הַיְנוּ בַּגֵּיהִנֹּם כַּנַּ״ל.

[מא] עיין ׳ליקוטי עצות׳, ערך ׳התבודדות׳ (עפ״י ליקו״מ סי׳ נ״ד): **בַּלַּיְלָה אָז עִקַּר הַזְּמַן שֶׁל הִתְבּוֹדְדוּת** לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלִשְׁפֹּךְ לִבּוֹ כַּמַּיִם נכח פְּנֵי ה׳ וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹב הַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן וּלְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה, **וְעַל יְדֵי זֶה יִזְכֶּה לְשִׂמְחָה**.

ווארום יעדער חטא, יעדער פגם, ברענגט אריין אין א מענטשן א מין עצבות; דער "אֶדְאַג" איז "מֵחַטָּאתִי"[מב] - די דאגה אליין איז אויך פון די חטאים[מג]. קומט דאך אויס, קען ער דאך נישט זיין בשמחה אז ער האט אין זיך פגמים. אבער אז ער רעדט זיך אויס פארן אויבערשטן, דעמאלט קען ער זיין בשמחה; אז נישט קען ער גארנישט זיין בשמחה, ווייל די פגמים לאזן נישט זיין פריילין.

(ר' יוחנן גאלאנט: דארף מען לערנען ווי צו האבן התבודדות. דער רבי זאגט דאך[מד]: "כעס בא על ידי התבודדות שאינו כראוי") וואס קען מען יענעם זאגן?! יעדער איינער האט זיך אנדערע דיבורים!

רבי נתן אין א מכתב, שרייבט ער צום זון דארטן[מה]: "כאטש דעם רבי'נס זאך איז פול, דעם רבי'נס ספרים, און מיינע ספרים, און די מכתבים וואס איך שרייב דיר, פונדעסטוועגן בלייבט נאך איבער אויף דיר עפעס א זאך וואס מען קען עס דיר נישט ארויסשרייבן, מען קען דאך נישט ארויסשרייבן אלצדינג אז עס זאל שוין גארנישט איבערבלייבן"[מו].

---

[מב] תהלים לח, יט.

[מג] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' קע"ח.

[מד] ספר המידות ערך 'כעס' אות ל"ה.

[מה] עיין 'עלים לתרופה' במכתב מאור ליום א' וארא תקצ"ו (נעמירוב): **אֵין עִנְיָן בָּעוֹלָם שֶׁאֵינוֹ כּוֹלֵל בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה**, וְתוֹדָה לָאֵל כְּבָר שְׁמַעְתֶּם מִמֶּנִּי הַרְבֵּה וַהֲבַנְתָּ הַרְבֵּה וְרָאִיתָ הַרְבֵּה בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וּבְהַסְּפָרִים אֲשֶׁר חָנַנִי ה' לְחַדֵּשׁ בִּדְבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וּבְוַדַּאי רָאוּי לְךָ לְהָבִין מִדַּעְתְּךָ לְהַחֲיוֹת נַפְשְׁךָ גַּם עַתָּה, כִּי זֶה כְּלָל גָּדוֹל וּכְבָר דִּבַּרְנוּ מִזֶּה כַּמָּה פְּעָמִים שֶׁאֲפִלּוּ אִם נְדַבֵּר הַרְבֵּה כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה דִּבְרֵי אֱמֶת הַמְּשִׁיבִין אֶת הַנֶּפֶשׁ, עִם כָּל זֶה צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְהָבִין מֵהֶם דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר לְהַחֲיוֹת נַפְשׁוֹ בִּמְקוֹמוֹ וּבִשְׁעָתוֹ, כְּפִי מַה שֶּׁהוּא, כִּי אִלּוּ פִּינוּ מָלֵא דִּבּוּרִים אֲמִתִּיִּים וְכוּ' **לֹא יוּכַל אִישׁ לְדַבֵּר לַחֲבֵרוֹ וְתַלְמִידוֹ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת לְרַפְּאוֹת מַכְאוֹבֵי נַפְשׁוֹ וּלְחַזְּקוֹ וּלְאַמְּצוֹ בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת עַל כָּל מַה שֶּׁעוֹבֵר עָלָיו בְּיוֹם אֶחָד מִכָּל שֶׁכֵּן בְּשָׁבוּעַ מִכָּל שֶׁכֵּן בְּחֹדֶשׁ וּבְשָׁנָה, מִכָּל שֶׁכֵּן כָּל יְמֵי חַיָּיו**, וְהָעִקָּר לְהָבִין מֵעַצְמוֹ מֵהַדִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁמְּדַבְּרִים עִמָּכֶם לְקַבֵּל מֵהֶם הִתְחַזְּקוּת וְעֵצוֹת לְשַׂמֵּחַ נַפְשׁוֹ בְּתוֹךְ מְעוּף צָרָה וְצוּקָה חַס וְשָׁלוֹם לַהֲפוֹךְ כָּל מִינֵי יָגוֹן וַאֲנָחָה לְשִׂמְחָה.

[מו] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נט"י לסעודה ה"ו אות נ"ד: אִי אֶפְשָׁר בְּשׁוּם אֹפֶן לְהוֹדִיעַ וּלְבָאֵר לְכָל אָדָם אֵיךְ יִתְגַּבֵּר לִשָּׁאֵר עַל עָמְדוֹ בְּכָל מַה שֶּׁיַּעֲבֹר עָלָיו בְּכָל הָעִתִּים הַשּׁוֹנִים שֶׁל כָּל יְמֵי חַיָּיו, רַק הַמַּשְׂכִּיל הֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת צָרִיךְ לָשׂוּם לִבּוֹ לְהָבִין הָרְמָזִים שֶׁהֵם בִּבְחִינַת יָדַיִם שֶׁיֵּשׁ בְּיָם הַחָכְמָה בְּאֹפֶן שֶׁיִּשָּׁאֵר קַיָּם בִּנְקֻדַּת יַהֲדוּתוֹ לְעוֹלָם וָעֶד.

וויפיל מען רעדט און מען רעדט, בלייבט נאך איבער אויף דעם מענטש (וואס ער דארף אליין!)[מז].

ער זאגט טאקע דארט, 'דער רבי האט דיר אויך געמיינט - וואס אויף דיר גייט איבער האט ער אויך געמיינט'[מח].

## 'התבודדות שאינו כראוי'

אויף "התבודדות שאינו כראוי מביא לידי כעס" - פלעגן אונזערע לייט אזוי זאגן: א מענטש אז ער איז זיך מתבודד פארן אויבערשטן, דארף ער מסיים זיין מיט 'שמחה', מיט 'התחזקות', איך האב נאך א האפענונג, דער אויבערשטער וויל מיך, איך בין זיך נישט מייאש, אט דאס איז 'התבודדות כראוי'.

אויב אבער ער זידלט זיך אויס, ער איז זיך מבזה, און מיט דעם גייט ער אוועק, מיט דעם ענדיגט ער, איז עס 'אינו כראוי'; וואס האסטו דא געטוהן? דו האסט זיך אויסגעזידלט, איז ער אויף זיך אליין ברוגז, און לאזט נאך אויס דער כעס אויף יענעם... איך דארף ענדיגן מיט 'שמחה', מיט 'התחזקות'.

מז עיין שם מכתב מיום א' ויקרא תקצ"ט: וְיוֹתֵר מִזֶּה צְרִיכִין לְהִתְחַזֵּק מֵעַצְמוֹ. כִּי אִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר הַכֹּל בְּפֵרוּשׁ. **וְעִקַּר הַבְּחִירָה הוּא מֵהַהַעְלָמָה מַה שֶּׁמַּנִּיחִין בְּכָל עֵת אֶת הָאָדָם לְנִסָּיוֹן בְּכָל דָּבָר.** וְהָעִקָּר עַל יְדֵי הַהַעְלָמָה, **כִּי אִם הָיָה רוֹאֶה כַּוָּנַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּכָל עֵת לֹא הָיָה שׁוּם נִסָּיוֹן כְּלָל.** עַל כֵּן אֲהוּבִי בְּנִי לְמַעַן הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חֲזַק וֶאֱמַץ.

מח במכתב הנ"ל של אור ליום א' וארא, בהמשך: וּכְבָר דִּבַּרְתִּי עִמָּכֶם הַרְבֵּה שֶׁזֶּה הַטָּעוּת מָצוּי מְאֹד בִּבְנֵי הַנְּעוּרִים **שֶׁכָּל אֶחָד סוֹבֵר שֶׁלֹּא עָלָיו נֶאֱמַר עִנְיָן זֶה** לְפִי רִבּוּי לִכְלוּכָיו וְטִנּוּפָיו וְקִלְקוּלָיו וְכוּ', **וּבֶאֱמֶת אֵינוֹ כֵּן, כִּי אַדְּרַבָּה עָלָיו דַּיְקָא נֶאֱמַר כָּל זֶה.**

מען דארף אנהויבן מיט 'שמחה', אזוי ווי עס הויבט זיך אָן אין תהלים[מט] - לויבן דעם אויבערשטן, טרעפן א 'נקודה טובה'[נ], און נאכדעם אנהויבן רעדן. און ענדיגן מיט א שמחה, אט דאס איז 'כראוי', דעמאלט גייט ער אוועק 'מלא שמחה', 'מלא התחזקות', דאס וועט אים נישט ברענגען צו קיין 'כעס'[נא].

אזוי ווי דער רבי זאגט דארטן אין דער תורה "תקעו תוכחה"[נב] - קעגן 'תוכחה' - מען איז יענעם 'מבאיש ריח' מיט 'תוכחה'; אז דער מענטש וועט זיין א 'מוכיח שאינו כראוי', איז ער יענעם 'מבאיש ריח', עס ווערט דערפון א 'ריח רע'.

דאס אייגענע קען זיין אויף זיך אליין אויך; אז איך זידל זיך אויס, איך בין זיך מבזה, איך מאך זיך פאר ערגער פון ערגער, און מיט דעם בלייב איך איבער, פאל איך אריין אין א יאוש, און איך ווער אויף זיך אליין ברוגז - 'וואס בין איך?!', און איך בין אין כעס אויף יענעם, און אז איך קום אין שטוב - בין איך אין שטוב אין כעס! וואס האסטו דא געמאכט?![נג].

ביי יעדע תפילה ענדיגט רבי נתן מיט 'שמחה' - ביי יעדע תפילה! ער הויבט אָן מיט שמחה און ער ענדיגט מיט שמחה.

---

[מט] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת השחר ה"ג אות ו' מה שדוד קרא על עצמו 'שמרה נפשי **כי חסיד אני**'; גם עיין שם הל' ערלה ה"ד אות ט"ז, שגם לבזות את עצמו ביותר עד שיוכל ליפול עי"ז, הוא בודאי איסור חמור, עיין שם בפנים.

[נ] דוק בלשון רבינו בסי' נ"ד בסופו איך שמפרש עבודת ההתבודדות בזה"ל: **לְהִתְבּוֹדֵד בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ**, וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לָשׂוּחַ עִם לְבָבוֹ, **וּלְחַפֵּשׂ הָרוּחַ טוֹבָה, דְּהַיְנוּ הַנְּקֻדּוֹת טוֹבוֹת שֶׁיֵּשׁ בּוֹ עֲדַיִן**, לְבָרְרָם מִתּוֹךְ הָרוּחַ רָעָה.

[נא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' כלאי בהמה ה"ד אות ו' בענין 'מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו'; גם עיין שם הל' נחלות ה"ד אות ז'.

[נב] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח' אות א'.

[נג] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ציצית ה"ה אות ז': **וְכֵן אָנוּ רוֹאִין בְּחוּשׁ** שֶׁלִּפְעָמִים כְּשֶׁאָדָם מוֹכִיחַ אֶת עַצְמוֹ וּמַתְחִיל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ מַעֲשִׂים הָרָעִים שֶׁעָשָׂה אֲזַי שָׁכִיחַ הַרְבֵּה שֶׁנּוֹפֵל עוֹד יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מְאֹד וְיֵשׁ שֶׁנָּפְלוּ מְאֹד עַל יְדֵי זֶה, וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַתּוֹכֵחָה שֶׁאֵינָהּ כָּרָאוּי שֶׁמַּחְלֶשֶׁת כֹּחַ הַנְּשָׁמָה, עַל יְדֵי שֶׁמְּעוֹרְרִין הָרֵיחַ רַע שֶׁל הָעֲוֹנוֹת, כַּמְבֹאָר שָׁם. וְעַל כֵּן אֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהוֹכִיחַ **לֹא אֶת עַצְמוֹ וּמִכָּל שֶׁכֵּן אֲחֵרִים** כִּי אִם כְּשֶׁיְּקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְצַדִּיקֵי הַדּוֹר הָאֲמִתִּיִּים.

דער תהלים איז דאך אויך אזוי, יעדער קאפיטל ענדיגט זיך מיט שמחה: "ה' מה רבו צרי" - "על עמך ברכתך סלה"; "ואזמרה שם ה' עליון". כאטש אינמיטן שרייט ער צום אויבערשטן, אבער ענדיגן ענדיגט ער מיט שמחה. ער הויבט אָן מיט שמחה, און ער ענדיגט מיט שמחה, און אינמיטן שרייט ער.

אזוי איז אויך די שמונה עשרה, און יעדע זאך; אויב בשעת ער רעדט צום אויבערשטן איז ער זיך מחזק - 'איך האב נאך א האפענונג, דער אויבערשטער וויל מיך נאך', איז עס א 'התבודדות כראוי'.

עס איז געווען אמאל איינער, ער האט געוואוינט אין מאסקאווע, און ער פלעגט קומען אויף ראש השנה. האט ער געזאגט צו מיר: "א גאנץ יאר בענק איך שוין - איך וויל קומען צום רבי'ן אויפן ציון, און אז איך קום, קען איך גארנישט רעדן, איך בין פארשטאָפט, איך קען גארנישט רעדן!".

זאג איך אים: "דו ווייסט פארוואס דו קענסט נישט רעדן? ווייל אז דו קומסט צום רבי'ן, מוזטו גלייך דערציילן דיינע פגמים; דערצייל דיינע 'נקודות טובות' וואס דו האסט ארויסגעכאפט אינמיטן יאר, זיי דיך אביסל מחשיב, נאכדעם וועסטו שוין קענען רעדן; אבער גלייך - 'איך בין א חוטא ופושע' - דאס איז נישט קיין סדר פון קיין תפילה, די תפילות גייען נישט אזוי!".

הויב אָן, זיי דיך מחזק, איך דאנק השי"ת איך בין געקומען אהערצו דא, ברוך ה' - איך בין פרייליך איך בין געקומען אויף ראש השנה, איך לייג תפילין אלע טאג, איך האב געפאסט יום־כיפור, וועסטו ווערן אביסעלע פרייליך, נאכדעם וועסטו שוין קענען רעדן. האט ער אזוי געטוהן, האט ער זיך מחיה געווען און ער האט מיר געדאנקט.

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט, מען מעג עס נאכאמאל איבער'חזר'ן, עס איז דאך אלץ תורה. עס שטייט אין מדרש[נד], עס איז דא צוויי סארטן 'אריסים' [- אַן ארים וואס באַארבעט די פעלדער]. אז אַן 'ארים' קומט אריין צום בעל־בית און דער בעל־בית פרעגט אים: "וואס הערט זיך דארט מיט מיינע פעלדער?" - "איי" - זאגט ער, "זיי

[נד] ויקרא רבה ה, ח'.

זענען נישט געראָטן!". "וואס הערט זיך מיט מיינע בהמות?" - "עס איז נישט, זיי זענען מאָגער, זיי קענען נישט ארבעטן!" - "וואס ווילסטו?" - "איר זאלט מיר בארגן געלט!" - "גיי, דו האסט גע'פטר'ט מיין פארמעגן, זאל איך דיר צובארגן געלט אויך?!".

דערנאך איז אזא 'ארים' דא, וואס ער טוהט זיך אָן שיין, ער קומט אריין צום בעל-בית - "וואס הערט זיך דארט עפעס מיט די פעלדער?" - "די פעלדער - יא, ברוך ה', זיי זענען געראטן פיין, עס וואקסט גוט!" - "און די בהמות?" - "ברוך ה', זיי זענען פיין געראטן!" - "און וואס ווילסטו?" - "איך וויל בארגן!" - "איך וועל דיר בארגן געלט!".

זאגט דער מדרש: דוד המלך איז געווען א גוטער ארים - (והתחיל לשבח:) "הַשָּׁמַיִם מְסַפְּרִים כְּבוֹד קֵל"[נה], זאגט ער אים: "דוד וואס ווילסטו?!". (כמו כן כשהתחיל לשבח:) "יוֹם לְיוֹם יַבִּיעַ אֹמֶר" - (א"ל:) "דוד, וואס ווילסטו?" - "געוואלד, רבונו של עולם, 'שְׁגִיאוֹת מִי יָבִין' - איך בין דורכגעפאלן מיט א שוגג" - "איך בין דיר מוחל" - "'גַּם מִזֵּדִים חֲשֹׂךְ עַבְדֶּךָ' - איך בין דורכגעפאלן מיט א מזיד אויך" - "איך בין דיר מוחל".

ער האט אנגעהויבן פריער דערציילן די שבחים צו לויבן; אט דאס איז דער גוטער 'ארים' - דוד המלך - אזוי זאגט דער מדרש.

קומט דאך אוים, דער אויבערשטער וויל נישט - קום קלאפ אין קאפ שוין מיט דיינע חטאים; דערצייל מיר עפעס אביסל - דו האסט דאך מצוות אויך, דו האסט דאך מצוות ומעשים טובים אויך; מען דארף אנהויבן מיט שמחה, און מען דארף ענדיגן מיט שמחה.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן מקיים זיין וואס מען זאגט. אט דאס הייסט 'התבודדות כראוי'.

יעדער האט זיך זיינע 'דיבורים', וואס קען מען יענעם זאגן 'דיבורים'?! פון איין טאג צום אנדערן איז נישט גליך, פון איין שעה צום אנדערן איז נישט גליך, ווי קען מען יענעם זאגן?! וויפיל רבי נתן שרייבט אין ליקוטי הלכות מיט די תפילות - קען דען איינער זאגן דעם צווייטן? קיינער קען נישט זאגן דעם צווייטן!

---

[נה] תהלים יט.

# 'עצה כללית שכולל הכל'

"וְהַנְהָגָה זוֹ הִיא גְּדוֹלָה בְּמַעֲלָה מְאֹד מְאֹד, וְהוּא דֶּרֶךְ וְעֵצָה טוֹבָה מְאֹד לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ. כִּי זֹאת הִיא עֵצָה כְּלָלִית, שֶׁכּוֹלֵל הַכֹּל" - דאס איז אַן 'עצה כללית' וואס איז 'כולל הכל'!

אה, דער ליקוטי מוהר"ן איז דאך פול מיט עצות, עס איז דאך אַן אפטייק מיט רעצעפטן, דאס איז אבער די עצה כלליות וואס איז 'כולל הכל'.

"כִּי עַל כָּל מַה שֶּׁיֶּחְסַר לוֹ בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אוֹ אִם הוּא רָחוֹק לְגַמְרֵי מִכֹּל וָכֹל מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ עַל הַכֹּל יְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל".

זאגט דער רבי: "וַאֲפִלּוּ אִם לִפְעָמִים נִסְתַּתְּמִין דְּבָרָיו, וְאֵינוֹ יָכוֹל לִפְתֹּחַ פִּיו לְדַבֵּר לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ כְּלָל" - ער קען נישט עפענען דאס מויל, ער קען נישט רעדן בכלל, "אַף עַל פִּי כֵן זֶה בְּעַצְמוֹ טוֹב מְאֹד" - דאס אליין איז 'טוב מאד', "דְּהַיְנוּ הַהֲכָנָה שֶׁהוּא מוּכָן וְעוֹמֵד לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְחָפֵץ וּמִשְׁתּוֹקֵק לְדַבֵּר, אַךְ שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל, זֶה בְּעַצְמוֹ גַּם כֵּן טוֹב מְאֹד" - די הכנה וואס ער איז 'מוכן ועומד לפניו יתברך', ער וויל און ער איז 'משתוקק לדַבר', נאר וואס דען, ער קען נישט, דאס אליין איז 'גם־כן טוב מאד!'.

"וְגַם יוּכַל לַעֲשׂוֹת לוֹ שִׂיחָה וּתְפִלָּה מִזֶּה בְּעַצְמוֹ. וְעַל זֶה בְּעַצְמוֹ יִצְעַק" - זאל ער שרייען, "וְיִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁנִּתְרַחֵק כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל אֲפִלּוּ לְדַבֵּר. וִיבַקֵּשׁ" - און ער זאל בעטן, "מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ רַחֲמִים וְתַחֲנוּנִים, שֶׁיַּחְמֹל עָלָיו וְיִפְתַּח פִּיו, שֶׁיּוּכַל לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו".

"וְדַע, שֶׁכַּמָּה וְכַמָּה צַדִּיקִים גְּדוֹלִים מְפֻרְסָמִים סִפְּרוּ, שֶׁלֹּא בָּאוּ לְמַדְרֵגָתָם, רַק עַל יְדֵי הַנְהָגָה זוֹ[נו]. וְהַמַּשְׂכִּיל יָבִין מֵעַצְמוֹ גֹּדֶל מַעֲלַת הַנְהָגָה זוֹ, הָעוֹלָה לְמַעְלָה לְמַעְלָה, וְהוּא דָּבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ מִקָּטָן וְעַד גָּדוֹל" - פון קליין ביז גרוים.

אוודאי דער 'קטן' טאר זיך נישט כאפן צום 'גדול'; דער 'גדול' רעדט אנדערע דיבורים, דער 'גדול' רעדט דיבורים וועגן זיין ערך; און דער 'קטן' דארף רעדן וועגן זיין ערך. אז דער 'קטן' וועט זיך כאפן צו גרויסע זאכן, טויג עס אויך נישט, דו ווייסט דאך

---

[נו] עיין עוד 'שיחות הר"ן' אות קנ"ד.

וואס דיר פעלט, האלט דיך ביי וואס דיר פעלט, זעה זיך אויסצובעסערן וואס דיר פעלט, און מארגן אז דו וועסט זיין שענער, וועסטו רעדן וואס מארגן איז, אבער נישט כאפן זיך אויפן 'גדול', דער 'גדול' איז א 'גדול' וואס ער איז אַן אפגעהיטענער מענטש, א צדיק א קדוש, רעדט ער וואס עס איז שייך צו אים, און דו זאלסט רעדן וואס עס איז שייך צו דיר.

"כִּי כֻּלָּם יְכוֹלִים לִנְהֹג הַנְהָגָה זוֹ, וְעַל יְדֵי זֶה יָבוֹאוּ לְמַעֲלָה גְּדוֹלָה. אַשְׁרֵי שֶׁיֹּאחַז בָּזֶה".

זאגט דער רבי: "גַּם טוֹב לַעֲשׂוֹת מֵהַתּוֹרָה תְּפִלָּה" - מען זאל מאכן פון תורה - תפילה; אז ער לערנט אדער ער הערט א מאמר תורה פון א צדיק אמת, זאל ער מאכן פון דעם א תפילה - "דְּהַיְנוּ כְּשֶׁלּוֹמֵד אוֹ שׁוֹמֵעַ אֵיזֶה מַאֲמַר תּוֹרָה מִצַּדִּיק הָאֱמֶת, אֲזַי יַעֲשֶׂה מִזֶּה תְּפִלָּה, דְּהַיְנוּ לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ עַל כָּל מַה שֶּׁנֶּאֱמַר שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמַּאֲמָר, מָתַי יִזְכֶּה גַּם הוּא לָבוֹא לְכָל זֶה, וְכַמָּה הוּא רָחוֹק מִזֶּה. וִיבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּזַכֵּהוּ לָבוֹא לְכָל הַנֶּאֱמָר שָׁם בְּאוֹתוֹ הַמַּאֲמָר.

"וְהַמַּשְׂכִּיל וְהֶחָפֵץ בֶּאֱמֶת, יוֹלִיכוֹ ה' בְּדֶרֶךְ אֱמֶת" - ווארום דאס קען מען נישט ארויסרעדן, דער אויבערשטער וועט אים שוין פירן, "וְיָבִין בְּעַצְמוֹ דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, אֵיךְ לְהִתְנַהֵג בָּזֶה, בְּאֹפֶן שֶׁיִּהְיוּ דְּבָרָיו דִּבְרֵי חֵן וּטְעָנוֹת נְכוֹנוֹת, לִרְצוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבֵהוּ לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת.

"וְעִנְיַן הַשִּׂיחָה זוֹ" - מיינט דער רבי - 'התבודדות', "עוֹלָה לְמָקוֹם גָּבוֹהַּ מְאֹד, וּבִפְרָט כְּשֶׁעוֹשֶׂה מִתּוֹרָה תְּפִלָּה" - אז מען מאכט פון תורה תפילה, "מִזֶּה נַעֲשֶׂה שַׁעֲשׁוּעִים גְּדוֹלִים מְאֹד לְמַעְלָה"![נז]

דער אויבערשטער זאל העלפן.

❖ ❖ ❖

[נז] עיין עוד 'שיחות הר"ן' אות קמ"ה.

# דעת רבינו בענין שתיית יין המשכר

(לומד שם סי' כ"ו)

"צָרִיךְ לְהַרְחִיק מִשִּׁכְרוּת, וּלְדַקְדֵּק שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִיכָלְתּוֹ, כְּדֵי שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת, כִּי מְעַט הַשְּׁתִיָּה לְפִי הַצֹּרֶךְ הוּא טוֹבָה לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ.

"וְדַע, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים, וּכְשֶׁשּׁוֹתֶה בְּמִדָּה כָּרָאוּי לְפִי עֶרְכּוֹ, אֲזַי נִתְרַחֵב דַּעְתּוֹ וְנִתְרוֹמֵם מֹחוֹ, וַאֲזַי נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים בְּיוֹתֵר עַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה. כִּי כְּשֶׁנִּתְרוֹמֵם הַדַּעַת, נִתְרוֹמְמִין וְנִגְדָּלִין הַחֲסָדִים, כִּי הַדַּעַת מְלֻבָּשׁ בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל".

ווען מען קומט אהערצו דא ביי דער תורה'לע, קען מען נישט וויסן, ווייל אין דער הלכה ווייזט אוים פון רבי נתן'ען אז א 'משקה המשכר' זאל מען גארנישט טרינקען, סיידן נאר ביי א סעודת מצוה אדער שבת ויו"ט[נח].

(ר' יוחנן: דאס איז יא דא; דער רבי האט געזאגט: בראנפן איז נאר א קאַפּעלע) **יא יא**[נט].

אין ליקוטי הלכות איז מבואר אז סיידן נאר ביי א סעודת מצוה אדער דארטן שבת און יו"ט - אביסל; אבער אזוי אינמיטן וואך - נישט; א 'משקה המשכר' זאל מען קיינמאל נישט טרינקען; און דא זאגט דער רבי - **אביסעלע איז יא גוט?!**

"וְעַל זֶה אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (עֵרוּבִין ס"ה): 'כָּל הַמִּתְפַּתֶּה בְּיֵינוֹ, יֵשׁ בּוֹ מִדַּעַת קוֹנוֹ'". "המתפתה" ווערט אנגערופן, אז מען איז מיט יענעם צעקריגט, טרינקט

---

[נח] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' יין נסך ה"ג (המיוסד על תורה זו), אות ד': אֲפִלּוּ יַיִן שֶׁל הֶתֵּר צְרִיכִין שְׁמִירָה גְּדוֹלָה מְאֹד שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת בִּסְעֻדַּת הָרְשׁוּת וְכַיּוֹצֵא, כִּי לֹא זָכָה מְשַׁמְּמוֹ וְכוּ'. **וַאֲפִלּוּ בִּסְעֻדַּת מִצְוָה צָרִיךְ לִזָּהֵר שֶׁלֹּא לִשְׁתּוֹת יוֹתֵר מִדַּאי** שֶׁלֹּא יָבוֹא לִידֵי שִׁכְרוּת, חַס וְשָׁלוֹם, כְּדֵי שֶׁלֹּא יִתְגַּבְּרוּ הַגְּבוּרוֹת, חַס וְשָׁלוֹם, וְיִשְׁכַּח הָאַזְהָרוֹת שֶׁל מֹשֶׁה לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם, וְגַם יָכוֹל לָבוֹא לִידֵי הָעֲבֵרוֹת, חַס וְשָׁלוֹם; גם עיין שם ה"ד אות ד': **אֵין רָאוּי לִשְׁתּוֹת יַיִן וּמַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר כִּי אִם מְעַט לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ, וְגַם זֶה בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וּבִסְעֻדַּת מִצְוָה דַּיְקָא.**

[נט] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות רנ"א: פעם ביקש רבינו את מוהרנ"ת ורבי נפתלי שיבואו אצלו לסעודה, ולפני נטילת ידים מזג להם רבינו מבקבוק קטן כמה טיפות בודדות של יין שרף בכוס קטנה ומחודדת ('עטליכע טראפנס, גאר ממש א לעק אין א קליין שפיציג גלעזל'), ונתנה לפניהם ואמר להם: "נעמט צוביסלאך!" ונעמדו מוהרנ"ת ורבי נפתלי בתמיהה, כי כמעט אשר לא היה יין שרף ליקח משם, וכי איך יספיק לשניהם זה המעט? והפטיר מוהרנ"ת בעצמו ואמר: **"נו, א קאפאלע איז אויך גוט!"** (- נו, מעט הוא גם טוב"); כששמע זאת רבינו נענה ואמר: **"בראנפן - נאר א קאפאלע איז גוט!"** (- יין שרף - רק מעט הוא טוב!").

מען אביסעלע ווייַן, בעט מען זיך איבער, ווערט ער 'המתפתה'; "כל המתפתה ביינו יש בו מדעת קונו" - עס איז א גמרא.

דאס איז א גוטע זאך, עס איז פארהאן אמאל איינער וואס ער טרינקט זיך אָן, הרג'עט ער מענטשן, ער שיכור'ט. אבער אז דער איז א 'מתפתה ביינו', איז א גוטע זאך, 'יש בו מדעת קונו'[ס].

"'מִתְפַּתֶּה' דַּיְקָא, בְּחִינַת חֲסָדִים, שֶׁעַל יְדֵי הַיַּיִן נִגְדָּלִין הַחֲסָדִים. וְזֶהוּ מִתְפַּתֶּה שֶׁעַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים הוּא מִתְפַּתֶּה וּמִתְפַּיֵּס, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה רָאוּי לְהִתְפַּתּוֹת לְפִי חֲסָדִים סְתָם, וְהָיָה יָכוֹל לִהְיוֹת רֹגֶז" - עס וואלט געקענט זיין צווישן זיי א 'רוגז', זיי זענען געווען צעקריגט; אבער מיט אביסעלע וויין בעט ער זיך איבער - "אֲבָל עַל יְדֵי הַגְדָּלַת הַחֲסָדִים עַל יְדֵי הַיַּיִן הוּא מִתְפַּתֶּה כַּנַּ"ל".

"אֲבָל הַשּׁוֹתֶה יוֹתֵר מִדַּאי וּמִשְׁתַּכֵּר, אֲזַי אַדְּרַבָּא, מִתְגַּבְּרִין תֹּקֶף הַגְּבוּרוֹת, וְנַעֲשֶׂה כַּעַס וָרֹגֶז, וְלִפְעָמִים מִתְגַּבְּרִין גְּבוּרוֹת דְּסִטְרָא אָחֳרָא, וְיוּכַל לָבוֹא לִידֵי רָעוֹת וְכוּ', חַס וְשָׁלוֹם".

ווען מען קומט אהערצו דא, ווייסט מען נישט קיין פשט דא.

## 'ושמרנו והצילנו מרופאים ודאקטוירים'

עס איז נאך א תורה דא אין ליקוטי מוהר"ן - תורה ג' אין דעם אנדערן חלק (- תניינא). דער רבי רעדט דארט אז נאך א 'פדיון' קען מען נעמען א דאקטער. אז מען מאכט א 'פדיון', דעמאלט איז יא גוט צו נעמען רפואות. איז אין דער תפילה אויף דער תורה דערמאנט נישט רבי נתן קיין שום פדיון, נאר אז מען זאל זיך דערווייטערן פון דאקטוירים, פון רופאים; נעם די 'תפילות' - וועסטו זעהן; אין דער תפילה אויף תורה ג' רעדט ער נאר אז מען זאל זיך דערווייטערן פון דאקטוירים.

---

[ס] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נט"י לסעודה ה"ו אות י"ט: יַיִן בַּקְּדֻשָּׁה זֶה בְּחִינַת הִתְגַּלּוּת הָרָצוֹן בִּבְחִינַת כָּל הַמִּתְפַּתֶּה בְּיֵינוֹ וְכוּ'. וְחִכֵּךְ כְּיֵין הַטּוֹב הוֹלֵךְ לְדוֹדִי לְמֵישָׁרִים וְכוּ'. וּפֵרֵשׁ רַשִׁ"י, אַהֲבַת הַמִּישׁוֹר בְּחִינַת אַהֲבָה וְהִשְׁתּוֹקְקוּת וְרָצוֹן מֻפְלָג, וּכְנִרְאֶה בַּחוּשׁ שֶׁמִּי שֶׁהוּא יְרֵא שָׁמַיִם וְשׁוֹתֶה יַיִן בִּקְדֻשָּׁה בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וְכוּ' אֲזַי יִתְעוֹרֵר לִבּוֹ בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ לַה' יִתְבָּרַךְ.

דער רבי רעדט דארט אין דער תורה אז נאך א פדיון זאל מען דייקא יא נעמען רפואות - און רבי נתן בעט אויף 'נישט'!? לכאורה, דאס איז דאך א תפילה, דארף ער דאך בעטן וואס עס שטייט אין דער תורה?

נעם די תפילות - ווערסטו זעהן - אין תפילה ג'; דער רבי רעדט, פארוואס איז נאר 'סם פלוני על ידי איש פלוני ביום פלוני'? ווייל דאס איז דער 'גזר דין', אבער אז עס ווערט א 'פדיון', קען שוין זיין אפילו דורך אַן אנדערן דאקטאר, און נישט נאר דער סם. און רבי נתן בעט נאר דעם אויבערשטן אז מען זאל זיך דערוויטערן פון דאקטוירים, ער דערמאנט נישט קיין שום זאך וואס דער רבי רעדט אין דער תורה? איז דאך א קשיא, ער מאכט א תפילה אנדערש ווי די תורה איז?!

**"ושמרנו מרופאים ודאקטוירים, אפילו דו וועט מיך שיקן עפעס א חולאת אדער מיחוש, זאל איך זיך נישט איבערגעבן חלילה ליד הרופאים והדאקטוירים, זיי זענען רופאי אליל כולם, דו ווייסט דאך דעם אמת אז קיין שום רופא ווייסט נישט לרַפאות החולאת והמיחוש כראוי!"** - די גאנצע תפילה איז נאר 'דערוויטערן זיך פון דאקטוירים', **"רבים אשר מתו על-ידי הרופאים מאשר מתו מיתת עצמן"** - א גאנץ געשעפט!

דער רבי רעדט דאך אין דער תורה, אז ווען עס איז דא א פדיון, זאל מען דייקא יא נעמען א רופא?!

נאר רבי נתן האט געהאלטן; דער רבי הויבט דאך אָן דער תורה[סא]: **"כשחלה רבי אלעזר הגדול, אמר לרבי עקיבא: 'חימה עזה בעולם', כי לא היה אז מי שיוכל להמתיק הדין, כי היה צריך לפדיון להמתיק הדין, ולא נמצא".**

אין יעדן דור איז דא בלויז איינער וואס ער קען מאכן דעם פדיון[סב] - רבי אליעזר איז

---

[סא] וזל"ש: כְּשֶׁחָלָה רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הַגָּדוֹל, אָמַר לְרַבִּי עֲקִיבָא: חֵמָה עַזָּה בָּעוֹלָם (סַנְהֶדְרִין ק"א). כִּי לֹא הָיָה אָז מִי שֶׁיּוּכַל לְהַמְתִּיק הַדִּין, כִּי הָיָה צָרִיךְ לְפִדְיוֹן לְהַמְתִּיק הַדִּין וְלֹא נִמְצָא. כִּי בֶּאֱמֶת אַחַר הַהַמְתָּקָה וְהַפִּדְיוֹן, אָז דַּיְקָא טוֹב לְרַפְּאוֹת הַחוֹלֶה עַל יְדֵי רְפוּאוֹת, כִּי אֲזַי דַּיְקָא אַחַר הַפִּדְיוֹן וְהַהַמְתָּקָה יֵשׁ רְשׁוּת לְרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת.

[סב] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' רט"ו.

געווען דער איינער![סג]. רבי אליעזר האט געקענט אלע כ"ד בתי דינים. אבער אז ר' אליעזר הגדול איז געווען שלאַף, א מענטש קען נישט אליין אויף זיך, ער דארף דאך אז אַן אנדערער זאל מאכן דעם פדיון אויף אים, 'אין חבוש מתיר עצמו', האט ער געזאגט אז אין דעם דור איז נישטא קיינער, 'חימה עזה בעולם', עס איז נישט געווען ווער עס זאל מאכן דעם פדיון.

זעהען מיר דאך ארויס פון דאנעט, רבי נתן האט געזעהן אין די ווערטער פון רבי'ן, עס איז נישט סתם 'מען מאכט א פדיון'; רבי אליעזר האט דאך געזאגט צו רבי עקיבא - 'חימה עזה בעולם', איז זאל רבי עקיבא מאכן דעם פדיון? עפעס א קלייניקייט - "רבי עקיבא"?! - רבי עקיבא האט געהאט אזויפיל טויזנטער תלמידים, זאל ער מאכן דעם פדיון?!

נאר רבי אליעזר הגדול האט געוואוסט; דער רבי זאגט אין דער תורה, עס איז דא אזא 'פדיון הכולל' וואס נאר איינער אין דעם דור קען מאכן דעם פדיון - און רבי אליעזר איז געווען דער איינער - דער גדול הדור, און ער איז שלאַף. איז נישטא ווער עס זאל מאכן דעם פדיון.

רבי נתן האט פארשטאנען פון רבי'ן אז צו מאכן דעם פדיון אז נאכדעם זאל מען שוין קענען נעמען א דאקטאר, צו דעם דארף מען האבן דעם איינעם, און ווער איז דער איינער?... דערפאר בעט ער אין דער תפילה מען זאל זיך דערוויטערן פון דאקטוירים, ער האט נישט דעם פדיון וואס דער רבי הייסט מאכן.

אט דאס איז די כוונה פון רבי נתן'ען. ווארום רבי נתן וועט נישט זאגן אנדערש פון דעם רבי'ן. נעם די תפילה - בעט ער אזויפיל - 'זיך דערווייטערן, דערווייטערן פון דאקטוירים, דערווייטערן און דערווייטערן!', עס איז דא אביסל פון פדיון אויך, אבער די תורה אז דורך א פדיון זאל איך שוין מעגן נעמען רופאים - דאס דערמאנט ער נישט אינגאנצן אין דער תפילה.

אונזערע לייט פלעגן זאגן אזוי: רבי נתן האט געהאלטן אז עס איז נישטא דער, 'חימה עזה בעולם', עס איז נישט געווען ווער עס זאל מאכן דעם פדיון. איי זאל רבי עקיבא

---

[סג] עיין 'ליקוטי מוהר"ן' הנ"ל בסופו מה שמזכיר שם מענין רבי אליעזר הגדול, עיין שם.

מאכן? דער צדיק - רבי עקיבא - א קליינינקייט רבי עקיבא?! - ניין! עס איז נישט געווען ווער עס זאל מאכן דעם פדיון, ווייל נאר איינער אין דעם דור איז דא, נאר דער 'חד בדרא' - ער קען מאכן דעם פדיון, און דער איינער איז געווען 'רבי אליעזר הגדול', און ער איז שלאָף, קען ער זיך נישט אליין מאכן דעם פדיון, איז נישטא ווער, איז 'חימה עזה בעולם'.

## געוואוסט אז דער אוהח"ק איז נסתלק געווארן

(ר' בערל: און ווילאנג רבי אליעזר האט געלעבט, איז רבי עקיבא נישט געווען קיין 'חד בדרא'!) אוודאי.

דער בעל־שם־הקדוש האט זיך אמאל געוואשן און געמאכט 'המוציא'. האט ער זיך אנגערופן: "איצטער איז נסתלק געווארן דער אור־החיים הקדוש!". ווייל אינמיטן זיך וואשן איז אים אריין אזא מין השגה וואס ביז איצטער האט ער די השגה נישט געוואוסט, און איצטער איז ער עס געוואויר געווארן, און צוויי מענטשן אין דעם דור קענען נישט האבן די השגה, און דער אור־החיים האט זיך מקדים געווען, האט דער בעל־שם נישט געקענט האבן דער השגה, און אז ער האט משיג געווען דער השגה, האט ער דערפון געוואוסט - 'איצטער איז ער נסתלק געווארן!'.

פלעגן אונזערע לייט זאגן, דאס איז טאקע די השגה פון דעם 'פדיון הכולל', וואס נאר איינער אין דעם דור קען וויסן דאס דאזיגע.

טאקע נישט יעדער איינער קען מאכן דעם פדיון אז מען זאל שוין קענען נעמען די דאקטוירים וואס מען וויל.

דא איז אויך דאס אייגענע (- שתיית יי"ש); דער רבי רעדט דא אז אביסעלע איז 'מרחיב דעתו', דאס מיינט ער אויך נישט יעדן איינעם.

קעגן טרינקען בראנפן, אין א הלכה זאגט רבי נתן מיט דעם לשון: 'משקה המשכר' איז נאר ביי א סעודת מצוה און שבת ויום טוב 'אביסל'; און אזוי - נישט; און דא ברענגט דער רבי: "כי מעט השתיה לפי הצורך הוא טובה להרחיב דעתו"; איז דאך נישט נאר שבת, נאר תמיד איז אביסל גוט? נאר די גמרא זאגט: "כל המתפתה ביינו, יש בו מדעת קונו"; ווייזט אויס, נישט יעדער איז א 'המתפתה ביינו'. איז אויך דער

פשט, נאר אויב ער האט אזא זאך אז ער איז 'המתפתה בינו', דעמאלט 'יש בו מדעת קונו'.

מען ווייסט, דער רבי האט דערציילט א מעשה, די אנדערע מעשה, די מעשה פון דעם 'מלך וקיסר'[סד]. זיי האבן גערעדט. (האט זי אלץ זיי געענטפערט:) "**דאס איז אלץ גוט - אבער נישט מיט קיין פארטרונקען מויל!**"; וואס איר רעדט - אבער נישט מיט קיין פארטרונקען מויל.

זיי האבן גערעדט דארטן אז עס וואלט זייער שיין געווען אז דער זאל נעמען דער מלכה - "יא - גוט, אבער נישט מיט קיין פארטרונקען מויל!". ווייזט אויס, מיטן רבי'ן איז געווען א געוואלדיגע אזהרה אז די תורות זאל נישט ארויסגיין פון טרינקען; 'תורה' וואס ווערט פון טרינקען, דאס איז נישט[סה].

ביים רבי'ן איז דאס געווען א געוואלדיגע 'אזהרה'! אז איך גיב א טרונק, און נאכדעם בין איך מחדש חידושים - איז די חידושים 'נישט'! חידושים וואס ווערן פון א טרונק, איז נישט קיין 'תורה'.

די תורות וואס דער רבי האט געזאגט איז נישט געווען פארטרונקען, עס איז נישט געווען ביי קיין פארטרונקענעם מויל קיין תורה.

מיר האבן דאך געזעהן אונזערע מענטשן, האבן אונז געזעהן ביי אלעמען, אינמיטן דער וואך האט מען קיינמאל נישט געטרונקען קיין משקה; טרינקען 'משקה המשכר'?! בראנפן?!

עס איז געווען טרינקערס. אבער די חסידים וואס זענען געווען דבוק אין דעם רבי'נס זאך האבן אינמיטן וואך נישט געטרונקען - קיינמאל נישט. עס איז אנדערש א סעודת מצוה דארטן, א ברית, א 'לחיים' - 'עפעס', אבער אזוי גלאט טרינקען 'משקה המשכר'?!

---

[סד] מעשה ב' מספה"ק סיפורי מעשיות.

[סה] עיין שיש"ק (חדש) ח"ג אות תק"ד.

# 'פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק'

זאגט דער רבי: "וְדַע, שֶׁעַל יְדֵי שִׁכְרוּת שׁוֹכְחִין כָּל הַמִּצְווֹת וְהָאַזְהָרוֹת שֶׁצִּוָּה מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם. כִּי מֹשֶׁה הוּא מְלֻבָּשׁ בְּכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל, בְּכָל אֵיבָר וְאֵיבָר, וּמַזְכִּיר כָּל אֵיבָר וְאֵיבָר שֶׁיַּעֲשֶׂה הַמִּצְוָה הַשַּׁיָּכָה לְאוֹתוֹ אֵיבָר".

- משה איז מלובש אין יעדן אידן אין יעדעס איבר, און ער דערמאנט 'כל איבר ואיבר' אז ער זאל טוהן דער מצוה 'השייכה לאותו אבר'.

"כִּי רְמַ"ח מִצְוֹת כְּנֶגֶד רְמַ"ח אֵיבָרִים" - ווארום די רמ"ח מצוות זענען אנטקעגן די רמ"ח אברים.

"וְעַל כֵּן מֹשֶׁה נִקְרָא מְחֹקֵק (דְּבָרִים ל"ג), שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח, שֶׁמַּזְכִּיר רְמַ"ח מִצְוֹת כַּנַּ"ל. וְעַל יְדֵי הַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ אוֹתָם, בִּבְחִינַת (מִשְׁלֵי ל"א): "פֶּן יִשְׁתֶּה וְיִשְׁכַּח מְחֻקָּק".

- דערפאר ווערט משה אנגערופן 'מחֹקק', מחֹק"ק באטרעפט דאך רמ"ח. משה ער איז דער 'מחֹקק', ער דערמאנט די רמ"ח מצוות. און דורך 'שכרות' פארגעסט מען די אלע מצוות, בבחינת: 'פן יפתה וישכח מחק"ק' - אז דו וועסט טרינקען, ווערסטו פארגעסן דעם מחק"ק, דו ווערסט פארגעסן די רמ"ח מצוות.

"שֶׁעַל יְדֵי הַשְּׁתִיָּה וְהַשִּׁכְרוּת שׁוֹכֵחַ רְמַ"ח מִצְוֹת שֶׁל מֹשֶׁה כַּנַּ"ל. וְהִתְלַבְּשׁוּת מֹשֶׁה בָּאֵיבָרִים זֶהוּ בְּעַצְמוֹ בְּחִינַת הִתְלַבְּשׁוּת הַדַּעַת בַּחֲסָדִים כַּנַּ"ל. כִּי מֹשֶׁה הוּא הַדַּעַת, וְהָאֵיבָרִים הֵם רְמַ"ח, בְּחִינַת אַבְרָהָם אִישׁ הַחֶסֶד, שֶׁהוּא גִּימַטְרִיָּא רְמַ"ח אֵיבָרִים".

אזוי ווי מיר ווייסן נישט קיין שיעור וויפיל הייסט 'אביסל' און וויפיל הייסט 'כפי יכלתו', איז טאקע 'גארנישט'. ווען מען קומט צו דער תורה, שטעלט מען זיך אפ. כ'האב שוין אסאך געהערט לערנען דער תורה, מען שטעלט זיך אפ, מען ווייסט נישט וואס מען זאל טוהן.

איך בין געווען, כ'האב געגעסן ביי אונזערע לייט דארטן, איך בין ארומגעפארן, איך האב געגעסן ביי דעם, ביי דעם, חסיד'ישע אידן, נישט קיין ארעמעלייט, מען האט קיינמאל נישט געגעבן צום טיש אביסל משקה! משקה ביים טיש - קיינמאל נישט!

(השואל: אפילו שבת נישט?) **איך רעד נישט פון שבת - שבת ביי קידוש; אבער אזוי? עס איז געווען גוטע מאכלים, אבער 'משקה המשכר' האט מען נישט געגעבן.**

(השואל: ווייסע ביר?) **איז נאך ערגער 'משכר', דער קאפ ווערט פארדרייט.**

(השואל: ביי א שמחה פלעגט מען יא טרינקען? א ברית, א חתונה?) **אביסעלע, אביסעלע; ביי א סעודת מצוה און שבת ויום טוב - אביסעלע, א לעק.**

(ר' מאיר קארליבך: דער רבי האט אמאל געגעבן רבי נתן'ען מיט רבי נפתלי'ן אביסל!) **יא יא**[סו]**.**

**רבי נתן מיט רבי נפתלי'ן האבן געגעסן ביים רבי'ן דעמאלט. דער רבי איז זיך געגאנגען וואשן, האט ער געזאגט צו זיי: "נעמט צוביסעלעך משקה", און עס איז גארנישטא וואס צו נעמען, א ליידיג פלעשל, עטליכע טראפן. האט זיך אנגערופן דאכט זיך [רבי נתן]: "נו, אביסעלע איז אויך גוט!".** (ענה רבינו ואמר:) **"בראנפן? נאר אביסעלע איז גוט!".**

(השואל: ווער האט געזאגט, אביסל איז אויך גוט? רבי נתן אדער רבי נפתלי?) **איינער פון זייביידע.**

(ר' מאיר: עס איז געווען אויך מיט א שמאל גלעזעלע?) **יא, ממש טראפנס.**

(ר' מאיר: דאס וואס דער רבי האט געגעבן רבי נתן מיט רבי נפתלי'ן אין א קליין שמאל גלעזעלע אז זיי זאלן זיך איינטיילןביידע צוזאמען - איז א באזונדערע מעשה?) **אט דאס איז די מעשה וואס מיר רעדן דא,** (דער רבי האט געזאגט צו זיי) **ביידע: "נעמט"! און זיי האבן נישט געהאט וואס צו נעמען, אין אזא שפיצקל, א קאפל. אז דער רבי האט געהייסן נעמען, האבן זיי געוואלט נעמען. "נו, אביסעלע איז אויך גוט", וועלן זיי נעמען דארטן אפילו א טראפ.**

---

[סו] עיין 'כוכבי אור' - ששון ושמחה, אות א': מְחֻיָּב אָנֹכִי לְהַזְכִּיר אֶת הַקּוֹרֵא בְּדִבְרֵי מֵעֹצֶם יִקְרַת הַסַּם הַמְרַפֵּא הַזֶּה, לְבַל יִתְלַבֵּשׁ לְפָנָיו הַמֵּסִית בְּטַלִּית שֶׁל מִצְוָה לִמְשֹׁךְ בְּיַיִן אֶת בְּשָׂרוֹ, כִּי **מְאֹד מְאֹד הִזְהִירוּ אַדְמוּ"ר זַ"ל וּמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל עַל הַדָּבָר הַזֶּה בְּאַזְהָרָה כְּפוּלָה וּמְכֻפֶּלֶת עַד מְאֹד**, כִּי כְּאֶבֶן מוֹשֵׁךְ (מַאגְנֶעט) הוּא הַדָּבָר הַזֶּה, וְלֵךְ לֵךְ אָמְרִינַן נְזִירָא סְחוֹר סְחוֹר לְכַרְמָא לֹא תִקְרַב (שַׁבָּת יג) כִּי אַף עַל פִּי שֶׁמְּעַט הַשְּׁתִיָּה טוֹבָה לְהַרְחִיב הַדַּעַת, אֲבָל דַּיְקָא מְעַט (**נַאר אַבִּיסֶעל כַּאֲשֶׁר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן אָמַר אַדְמוּ"ר זַ"ל בְּעֵת שֶׁכִּבֵּד לְמוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל וְרַבִּי נַפְתָּלִי זַ"ל בִּמְעַט יַיִן יָשָׁן בְּכוֹס קָטָן וְרָחָב כְּאֶצְבַּע שֶׁיִּשְׁתּוּ שְׁנֵיהֶם מֵאִתּוֹ**) כִּי מְאֹד צְרִיכִין לִזָּהֵר לְמַעֵט בִּשְׁתִיַּת מַשְׁקִין הַמְשַׁכְּרִין בְּכָל הָאֶפְשָׁרוּת **גַּם בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב**, [וַאֲפִלּוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה וְלֹא כַּטּוֹעִים בָּזֶה] **וּמִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בִּימֵי הַחֹל** כִּי לֹא עַל שִׂמְחָה כָּזֹאת הִזְהִיר אוֹתָנוּ אַדְמוּ"ר זַ"ל כִּי עַל זֶה נֶאֱמַר, "וּלְשִׂמְחָה מַה זֹּו עוֹשָׂה", כִּי אֵין זֶה שִׂמְחָה רַק הוֹלְלוּת וְסִכְלוּת.

"בראנפן, נאר אביסעלע איז גוט".

[(ר' מאיר: מ'זאגט עס איז געווען אין א קליינע גלאז, נישט אין קיין פלעשל!) וואס א נפקא-מינה?! איז א קליינע גלאז, עס איז געווען א קליין גלעזעלע ברייט ווי א פינגער].

## באקומען מוחין פון א ציגארעט?

אסאך זאכן איז דא וואס די וועלט זאגט אז דאס הויבט אויף דעם מח, און ביי אונז איז עס נישט.

די וועלט זאגט אז מען רייכערט א ציגארעט הויבט זיך אויף דער מח.

איך האב געהערט פון גרויסע לומדים זאגן, 'ווען ער האט עפעס א שווערן תוספות, נעמט ער א ציגארעט, איז דער מח אנדערש, עס לערנט זיך אנדערש'. שוין - אזוי זאגט ער. ביי אונז איז נישטא וואס צו רעדן, דאס איז א פאלשע זאך, דער מח מיינער זאל ווערן פון א ציגארעט?!

עס איז דא זאכן וואס פון דערפון באקומט מען א מח - אז מען האט אַן אפגעהיטענעם מח; א ציגארעט איז נישט פון די זאכן וואס מאכט דעם מח...

ביי די וועלט איז אזוי אז דורך א ציגארעט, צו א שמעק טאביק, איז שוין א 'הרחבת הדעת', ער קען שוין דאווענען, און אזוי אסאך אזעלכע זאכענישן; ביי אונז איז עס נישטא!

דער רבי האט א זאג געגעבן (על ענין העישון): "עס איז דא קארג תאוות [- עס איז דא גענוג תאוות], דארף מען נאך א תאוה?!". דער רבי האט עס אנגערופן א 'תאוה'.

(ר' בערל: רייכערן!) רייכערן און שמעקן - דאס איז נאך א תאוה.

די וועלט האלט אז דאס איז גאר 'התרוממות המוחין', די 'מוחין' ווערן אויפגעהויבן.

אז מען איז זיך מיקל, מען פאלגט נישט דעם רבי'ן, איז עס א פגם אין 'אמונת חכמים'. דורך פגם 'אמונת חכמים' - זאגט שוין דער רבי אין תורה ס"א[סז] - באקומט מען א מח

---

[סז] עיין שם אות א'.

פון 'מותרות', מען קען נישט מברר זיין קיין הלכה אזוי ווי מ'דארף, עס איז א פגם אין 'אמונת חכמים'.

וואס א נפקא-מינה צו דער צדיק זאגט מיר 'שטיי אויף חצות', צו דער צדיק זאגט[סח] מיר - 'רייכער נישט קיין ציגארעטן'?! אדרבה, נישט אויפשטיין חצות, אויב עס איז מיר שווער, איך בין דארטן מיד, האב איך כאטש א שטיקל תירוץ; אבער דא איז דאך גארנישט, דאס איז דאך א גרינגע זאך, פארוואס פאלגסטו נישט?! איז דאך נישט אז דערפאר שטייסטו נישט אויף קיין חצות ווייל עס איז דיר שווער, נאר דערפאר ווייל דו האסט נישט קיין 'אמונת חכמים'; א סימן - אזא גרינגע זאך טוסטו אויך נישט.

יעדע זאך איז אזוי, אז מען געוואוינט זיך איין צו א זאך, טראכט מען שוין – 'איך קען שוין גארנישט זיין אָן דעם'.

עס איז דא מענטשן וואס עס קומט שבת פארנאכט (- מוצאי שבת), איילט ער זיך מיטן מעריב אז ער זאל שוין קענען רייכערן דעם ציגארעט. עס האט זיך ביי אונז אויך ארייגעכאפט אט די זאך, מען איילט זיך מיטן מעריב מען זאל קענען רייכערן דעם ציגארעט. איך גיי נישט ח"ו אים מגנה זיין, נאר דער ענין פון 'אמונת חכמים' דאס איז אזא מין זאך - -

די גמרא זאגט[סט], אז ריש לקיש האט געהערט פון ר' יוחנן אז "אסור לאדם שימלא שחוק פיו בעולם הזה", איז 'כל ימיו' האט ריש לקיש נישט געוויזן קיין 'שחוק פיו', ווייל אזוי האט ער געהערט פון זיין רבי'ן רבי יוחנן.

אז 'אסור לאדם שימלא שחוק פיו', האט ער 'כל ימיו' נישט געוויזן קיין 'שחוק פיו'; אט דאס איז 'אמונת חכמים', אז ער הערט פון זיין רבי'ן א ווארט - "אזוי האט דער רבי געזאגט - איז נישטא וואס צו רעדן"!

דאס איז דיינער א רבי, וואס א נפקא-מינה צו דער רבי זאגט 'שטיי אויף חצות' צו ער זאגט 'רייכער נישט קיין ציגארעטן' צו ער זאגט 'שמעק נישט'?! אז איך פאלג נישט, איז נישט דערפאר ווייל די זאך איז מיר גרינגער צו שווערער, נאר עס האט נישט ביי

---

[סח] עיין חיי מוהר"ן אות רע"ג; אות תע"ב.

[סט] ברכות לא.

מיר קיין חשיבות דעם דיבור פון דעם רבי'ן; צונעם עס, וועסטו זעהן אז דאס איז עס; אז עס וועט האבן ביי מיר א חשיבות, וועל איך פאלגן[ע].

מען ווייסט דאך אז דער רבי האט געהייסן אז 'נישט' - פארוואס טוה איך עס 'יא'?! עס איז א פגם אין 'אמונה'!

ר' יוחנן האט געזאגט[עא], עס שטייט[עב]: "וְשַׂמְתִּי כַּדְכֹד שִׁמְשֹׁתַיִךְ"; עס וועט זיין (לעתיד) אַן 'אבן טוב', ל' אויף ל' אמות, גרעסער ווי דער שול וועט זיין אַן 'אבן טוב', און מען וועט אוועקשטעלן אזעלכע צוויי דימיטן ביי די טויערן פון ירושלים וואס זיי וועלן לייכטן. האט זיך דער תלמיד געטראכט אין געדאנק, 'ווי קען דאס זיין אזא מין זאך?! א דימיט פון דרייסיג איילן אויף דרייסיג איילן?!' ער האט נישט ארויסגערעדט, ער האט נאר געטראכט אין געדאנק 'ווי קען דאס זיין??!'.

אמאל איז ער געפארן דארט אויפן ים, האט ער געזעהן מלאכים מאכן א דימיט פונקט אזוי ווי ר' יוחנן האט געזאגט, דעם סכום. אז ער איז געקומען צו ר' יוחנן, (אמר לו:) "'לךְ נאה לדרוש', אזוי ווי דו האסט געזאגט - אזוי האבן מיר געזעהן!" - "און פריער, 'לגלגת על דברי?!'" - "נתן עיניו בו, ונעשה גל של עצמות"...

איידער דו האסט געזעהן מיט די אויגן - 'לגלגתָ על דברי?!' איצטער אז דו האסט געזעהן די מלאכים טוהען אזוי, זאגסטו 'גוט', און פריער 'לגלגת על דברי??!'.

אז ר' יוחנן זאגט א דיבור, רבי יוחנן איז געווען א 'בעל רוח הקודש', זאגט ער נישט סתם, איז דאך דאס עפעס א זאך.

ער האט נישט געהאט קיין אמונה אין דעם רבי'ן, עס איז אים נישט געפאָלן דער זאך, נאר ווען ער האט שוין געזעהן מיט די אויגן, דעמאלט האט ער שוין (מסכים געווען).

---

[ע] עיין 'שיחות הר"ן' אות קפ"ה: וְכָל הַהַנְהָגוֹת שֶׁצִּוָּה **אֲפִלּוּ הַהַנְהָגוֹת שֶׁהָיוּ נִרְאִים כִּדְבָרִים פְּשׁוּטִים**, לֹא הָיְתָה שׁוּם הַנְהָגָה עַל פִּי פָּשׁוּט כִּי הָיָה לוֹ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, בָּזֶה כַּמָּה וְכַמָּה סוֹדוֹת נִסְתָּרוֹת וְנוֹרָאוֹת מְאֹד; גם עיין 'חיי מוהר"ן' אות תצ"ב: וְלִפְעָמִים לְהִפּוּךְ, שֶׁהוּא נִמְנָע מִדָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה **מֵעֹצֶם קַלּוּתוֹ** שֶׁהַדָּבָר הַזֶּה קַל בְּעֵינָיו מְאֹד לַעֲשׂוֹתוֹ **וּמֵחֲמַת זֶה אֵינוֹ מַאֲמִין שֶׁחַיֵּי נַפְשׁוֹ יִהְיוּ תְּלוּיִים בְּדָבָר קַל כָּזֶה.**

[עא] עיין כל זה בגמ' ב"ב דף ע"ה ע"א.

[עב] ישעי' נד, ב.

עס איז אוודאי א בזיון דאס דאזיגע אז ביי אונז זאלן זיין אזעלכע עובדים וואס שטייען אויף חצות - און זיי רייכערן ציגארעטן. זיי האבן ארויסגערעדט מיטן מויל אז זיי דאווענען מעריב פריער ווייל זיי ווילן רייכערן א ציגארעט, זיי קענען זיך שוין נישט איינהאלטן. זעהען מיר דאך געוואלד דער ענין וואס הייסט א 'פגם אמונת חכמים'.

ר' מרדכי באברינעיצער ע"ה האט מיר דערציילט: זיין טאטע, "ר' טוביה", איז אלט געווען זיבן און אכציג יאר. האט ער געזאגט פאר דער פטירה: "**איך גיי אוועק מיט א ריינעם נאז אָן טאביק!**" - אין דער נאז ליגט נישט קיין טאביק. דער רבי האט געזאגט - 'נישט שמעקן', האט ער זיך מחיה געווען פאר דער פטירה אז ער האט א ריינעם נאָז אָן טאביק.

**ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, ער פלעגט דאווענען אזוי געשמאק!**

אז דער צדיק זאגט א גרויסע זאך וואס עס איז שווער מקיים צו זיין, קען זיין ער איז נישט פוגם די 'אמונת חכמים', נאר עס איז אים שווער מקיים צו זיין, אבער דאס איז דאך א גרינגע זאך, פארוואס טוהסטו די זאך נישט?! איז דאך נישט דערפאר ווייל עס איז דיר שווער, נאר ווייל דאס האט נישט ביי דיר קיין חשיבות דעם דיבור פון דעם חכם; 'פגם אמונת חכמים' קען שוין דערלאנגען 'דארטן', עס קען זיין א מח פון 'מותרות' - אזוי ווי דער רבי רעדט אין תורה ס"א.

מיר זענען אביסל מאריך אין דעם שמועס, דאס איז אויך געלערנט.

## שעצן דעם רבי'נס א דיבור

די גמרא זאגט דארטן קעגן "אִין" - "הִין"[עג] - (ר' בערל: "שחייב אדם לומר בלשון רבו"). 'אִין' איז דאך גארנישט קיין ווארט, און הלל הזקן האט געזאגט 'אִין', ווייל זיין רבי, שמעיה ואבטליון, זענען געווען גרים, האבן זיי נישט געקענט זאגן מיט א ה', זיי האבן נישט געקענט ארויסרעדן קיין ה', האבן זיי געזאגט מיט אַן אל"ף, האט שוין הלל הזקן אויך געזאגט "אִין".

[עג] עדיות פ"א מ"ג.

עס איז אים אזוי חשוב דעם דיבור פון זיינער א רבי, האט ער אויך געזאגט 'אִין', האט ער דערמאנט אין דער הלכה דעם ווארט מיט אַן אלף, ווייל דער רבי האט אזוי געזאגט.

דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז אז מען זאל זיך באנייען אין דעם רבי'נס זאך, יעדעם 'דיבור' פון רבי'ן זאל ווערן ביי אונז חשוב, דאס הייסט - ניי, עס זאל ווערן ביי אונז חשוב יעדעם דיבור פונעם רבי'ן; ממילא איז אפילו א גרויסע זאך, אז עס וועט זיין ביי מיר מער חשיבות, בין איך אויך נענטער דאס צו מקיים זיין; אבער אז דער דיבור הויבט אָן צו ווערן נישט חשוב, איז א גרויסע זאך איז (דאך שווער), און א קליינע זאך מאכט מען אינגאנצן אוועק.

עס קומט דארטן זומער, נייע ציבעלעס, גאנצע געשעפטן צו דער רבי האט געמיינט אַן אלטע, א יונגע, א ווייסע, א גרינע, וואס האסטו פון די געשעפטן? אז דו וועסט נישט עסן די יונגע ציבעלע וועט דיר נישט טויגן?! וואס דארפסטו מאכן די אלע שאלות?! א גרינע שאלאכטס, א ווייסע שאלאכטס, קליין, גרויס.

עס איז געווען רבי נתן מיט ר' נפתלי, האט איינער ארויסגענומען א ציבעלע, ווייס איך אויך נישט ווער, דאכט זיך מיר רבי נתן האט ארויסגענומען א ציבעלע. האט זיך אנגערופן ר' נפתלי: "עס שטייט דאך פונעם בעל-שם אז ציבעלעס זאל מען עסן נאר שבת; אינמיטן דער וואך - נישט?!".

זאגט ער: "איך ווייס נישט, פון רבי'ן האב איך נישט געהערט!". האבן זיי געפרעגט דעם רבי'ן. זאגט דער רבי: "נו, און שבת מעג מען יא עסן א 'דבר המזיק'?!" איז געווארן אז שבת אויך נישט[עד]; געקאכטערהייט - יא.

[עד] עיין 'שיחות הר"ן' אות רס"ה: **הִזְהִיר מְאֹד לִבְלִי לֶאֱכֹל בְּצָלִים חַיִּים כְּלָל** אֲפִלּוּ עִם שֶׁמֶן אוֹ שׁוּמָן וַאֲפִלּוּ עַל יְדֵי תַּעֲרוֹבוֹת כְּגוֹן עַל יְדֵי בֵּיצִים וְכַיּוֹצֵא, וַאֲפִלּוּ בְּשַׁבָּת. **וְהִלְעִיג עַל הָאוֹמְרִים שֶׁבְּשַׁבָּת מִצְוָה לֶאֱכֹל דָּבָר הַמַּזִּיק שֶׁהֵם בְּצָלִים חַיִּים** וְאָמַר שֶׁהֵם מַזִּיקִים מְאֹד לְכַמָּה דְּבָרִים, וְחָשַׁב אָז כַּמָּה עִנְיְנֵי חוֹלַאַת וּמַכְאוֹבִים וַחֲלִישׁוּת שֶׁגּוֹרְמִים, אַךְ שְׁכַחְתִּים בִּפְרָטִיּוּת. אַךְ הַכְּלָל שֶׁהֶחְמִיר מְאֹד וְהִזְהִיר מְאֹד לִבְלִי לְאָכְלָם חַיִּים כְּלָל אֲפִלּוּ עַל יְדֵי תַּעֲרוֹבוֹת וַאֲפִלּוּ בְּשַׁבָּת. רַק מְבֻשָּׁלִים מֻתָּר לֶאֱכֹל. **וּבִתְחִלָּה שָׁאַלְנוּ אוֹתוֹ עַל זֶה מֵחֲמַת שֶׁשָּׁמַעְנוּ בְּשֵׁם הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב זֶה שֶׁהִזְהִיר מְאֹד לִבְלִי לֶאֱכֹל בְּצָלִים חַיִּים**, וְאָמַר שֶׁבְּוַדַּאי כֵּן הוּא וְהִתְחִיל לַחֲשֹׁב לְכַמָּה דְּבָרִים הֵם מַזִּיקִים וְכוּ' כַּנִּזְכָּר לְעֵיל וְאָז שָׁמַעְנוּ כָּל הַנִּזְכָּר לְעֵיל.

עס איז א גמרא דא אז 'בצלים' שאדט צום הארץ - א משנה אין נדרים ס"ו (ע"א) - "בצלים רע ללב"; 'כופרי' - נישט, און דאס - יא. אבער אזוי שטייט, בצלים איז 'מזיק ללב', אבער יונגע - נישט.

אז דער רבי האט עס אנגערופן א 'דבר המזיק', (וואס א נפקא-מינה) וויפיל איז יונג? וויפיל איז אלט? דאס איז יונג? דאס איז אלט? אז דער רבי האט געזאגט עס איז 'דבר המזיק', דארף איך גיין צום 'דבר המזיק' און קלערן אז אפשר איז ער נישט מזיק?!

(ר' בערל הלפרין: איז עסן קיין יונגע - אויך נישט?!) אויך נישט!

(ר' בערל: אבער געקאכטע?) געקאכטע - יא, אדער געפרעגלט.

שוין, מיר האבן היינט אביסל געלערנט מער אביסל דאס, דאס איז אויך געלערנט.

❖ ❖ ❖

## 'אי מן חיי - אנא הוא!'

(לומד ליקו"מ תורה כ"ז; ואח"כ תורה כ"ח: "דע שיש חילוקים בין התורות" וכו', עד הסוף[עה])

דער צדיק ווייסט פון אים (- לאותו ישראל שמעורב בין העכו"ם), ווייל אט דער חלק תורה שבעל־פה וואס איז דא אין אים, מיט דעם (דערקענט מען) אז ער א איד; ווייל זיי (- העכו"ם) זענען נישט שייך צו תורה שבעל־פה; אזוי קען ער אים דערקענען. דער וואס ווייסט דאס דאזיגע, דערפאר דערקענט ער אים, ווייל יעדער איד האט א חלק אין תורה שבעל־פה, און די אומות האבן נישט קיין חלק אין תורה שבעל־פה, און אז ער זעהט איינער א מענטש אז עס איז דא אין אים א חלק פון 'תורה שבעל־פה', ווייסט ער אז דער איז א איד; נאר דערפאר דערקענט ער אים, קיין אנדערע זאך איז נישטא.

(ר' בערל: און דער וואס קען נישט קיין תורה שבעל־פה - אים קען מען טאקע נישט דערקענען?) דאס איז נישט דערפאר ווייל ער פארהערט אים 'תורה שבעל־פה'; עס קען גאר זיין אז

---

[עה] וזל"ש בקיצור (מקיצור ליקו"מ): יֵשׁ חִלּוּקִים בֵּין הַתּוֹרוֹת. יֵשׁ שֶׁנִּתְּנָה לִכְתֹּב, וְיֵשׁ שֶׁלֹּא נִתְּנָה לִכְתֹּב. וּמִי שֶׁיּוֹדֵעַ לְהַבְחִין וּלְהַכִּיר בֵּין הַתּוֹרוֹת אֵיזֶהוּ נִתְּנָה לִכְתֹּב, וְאֵיזֶהוּ לֹא נִתְּנָה לִכְתֹּב, הוּא יָכוֹל לְהַכִּיר אֶת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי אֲפִלּוּ אִם עוֹמֵד בֵּין כַּמָּה אֻמּוֹת.

**יענער קען גארנישט לערנען - דער דאזיגער; נאר יעדער איד האט א חלק אין תורה שבעל־פה, ווייל דאס איז 'לא ניתן לכתוב'; אפילו ער קען נישט, ליגט אין אים א חלק אין תורה שבעל־פה; אזוי ווייסט ער אז ער איז א איד.**

**אז דער רבי האט געזאגט דער תורה - רבי נתן האט פארשטאנען גוט וואס דער רבי זאגט דא - האט זיך אנגערופן רבי נתן צום רבי'ן: "רבי, אפשר מיינט דאס די גמרא: 'אין משיח בא אלא בהיסח הדעת', אז ער וועט זיין - און מען וועט נישט וויסן אז ער איז דא!".**

**מיר האבן גארנישט קיין געפיל וואס דא ליגט, דא ליגט דאך אזא מין עמקות.**

**האט זיך אנגערופן דער רבי: "רבי נחמן האט דאך שוין לאנג געזאגט: 'אי מן חיי, אנא הוא'!". א גמרא איז דא: "אמר רבי נחמן, 'אי מין חיי'" - אויב משיח וועט זיין פון די לעבעדיגע - "בין איך עס!"**[עו]**.**

**אזוי ווי רבי נתן האט א זאג געגעבן צום רבי'ן, "אפשר מיינט דאס די גמרא, 'אין משיח בא אלא בהיסח הדעת', אז ער וועט זיין און מען וועט נישט וויסן אז ער איז דא!" האט דער רבי געזאגט: "נו, רבי נחמן האט דאך שוין לאנג געזאגט, 'אי מן חיי - אנא הוא'!".**

**זעהען מיר ארויס אז מיר האבן נישט** (קיין געפיל אין דעם רבי'נס דיבורים)**; מיר לערנען דא דער תורה - וואספארא התפעלות האבן מיר?!**

**האבן טאקע א התפעלות און זאגן אזעלכע ווערטער צום רבי'ן - דאס איז רבי נתן! ער האט געפילט דעם רבי'נס ווערטער וואס דא ליגט!**

---

[עו] עיין 'חיי מוהר"ן' אות רע"ב: הַשְׁמָטָה. אֶפְשָׁר כָּךְ הוּא הַפֵּרוּשׁ: אֵין בֶּן דָּוִד בָּא אֶלָּא בְּהֵיסֶח הַדַּעַת, הַיְנוּ שֶׁלֹּא יָבוֹא עַל דַּעְתָּם שֶׁכְּבַר הוּא בָּא, וּבֶאֱמֶת כְּבָר הוּא בָּא וְהִנֵּה הוּא וְכוּ', וְהוֹדָה לִדְבָרַי, וְאָמַר שֶׁכָּךְ כָּתוּב (יִרְמְיָה ל): 'וְהָיָה אַדִּירוֹ מִמֶּנּוּ'. אַחַר־כָּךְ נִתְעוֹרֵר וְאָמַר, זֶה אָמַר רַב נַחְמָן בְּמַסֶּכֶת סַנְהֶדְרִין 'אִי מִן חַיַּיא הוּא - כְּגוֹן אֲנָא', שֶׁנֶּאֱמַר: 'וְהָיָה אַדִּירוֹ מִמֶּנּוּ' בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ אָמֵן. (אָמַר הַמַּעְתִּיק: מַאֲמָר זֶה הַנַּ"ל אָמַר מוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל אֶל אַדְמוֹ"ר זַ"ל אַחַר שֶׁאָמַר הַמַּאֲמָר הַמּוּבָא בְּלִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן תִּנְיָנָא סִימָן כ"ח 'דַּע שֶׁיֵּשׁ חִלּוּקִים בֵּין הַתּוֹרוֹת' וְכוּ', וּמוֹרֵנוּ מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל מֵעֹצֶם הַרְגָּשָׁתוֹ בִּזְכוּת לְבָבוֹ אֶת עֹמֶק נוֹרְאוֹת דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים עַד כִּי בָּעֲרוּ בְּקִרְבּוֹ - שַׁלְהֶבֶת מַמָּשׁ לֹא יָכוֹל לְהִתְאַפֵּק וַיִּתֵּן אֶת קוֹלוֹ בִּפְנֵי כָּל הַנִּצָּבִים עָלָיו אֶת הַמַּאֲמָר הַנַּ"ל אֶפְשָׁר כָּךְ הוּא הַפֵּרוּשׁ וְכוּ'); ובשו"ס אות ל"ו מוסיף שם בזה"ל: וּבְבֵאוּר יוֹתֵר שֶׁמַּעְתִּי מֵאָבִי זַ"ל שֶׁאָמַר בְּזֶה הַלָּשׁוֹן: **מֶע וֶועט שְׁמִיסֶען מָשִׁיחַ מָשִׁיחַ, צוּם סוֹף הָאט אִיז עֶר.**

דער רבי איז דא מודיע א סוד; מען דערקענט יענעם גארנישט, ער דערקענט יענעם נאר וויל אין אים איז דא א חלק פון 'תורה שבעל־פה', דערפאר ווייסט ער אז ער איז א ישראל; ער פארהערט אים?! ער לערנט מיט אים?!

❖ ❖ ❖

## ביטול האיסור בהיתר

(לומד ליקו"מ תניינא תורה כ"ט)

"כְּשֶׁאֵרַע שְׁאֵלָה בְּבֵית הָאָדָם עַל יְדֵי תַּעֲרֹבֶת אִסּוּר בְּהֶתֵּר, וְאֵין בְּהֶתֵּר כְּדֵי לְבַטֵּל אֶת הָאִסּוּר בָּזֶה מַרְאִין לוֹ, שֶׁפָּגַם בְּאֵיזֶהוּ יִחוּד שֶׁל מַעְלָה. כִּי כָל הַיִּחוּדִים וְהַזִּוּוּגִים הֵם בְּחִינַת בִּטּוּל אִסּוּר. וְזֶה בְּחִינַת 'וְאָסַר לָנוּ אֶת הָאֲרוּסוֹת וְהִתִּיר לָנוּ אֶת הַנְּשׂוּאוֹת'. נִמְצָא שֶׁמֵּאִסּוּר נַעֲשֶׂה הֶתֵּר, כִּי בַּתְּחִלָּה הִיא אֲרוּסָה, וְאָז הִיא אֲסוּרָה, וְאַחַר כָּךְ נַעֲשֵׂית הֶתֵּר בְּנִשּׂוּאִין. וְעַל כֵּן גַּם בַּזִּוּוּג הַתַּחְתּוֹן שֶׁל זֶה הָעוֹלָם נֶאֱמַר (תְּהִלִּים ס"ח): 'אֱלֹקִים מוֹשִׁיב יְחִידִים בַּיְתָה', הַיְנוּ זִוּוּגִים. כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ, זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה, (סוֹטָה ב) זֶה הַפָּסוּק לְעִנְיַן זִוּוּגִים, אֲזַי: 'מוֹצִיא אֲסִירִים בַּכּוֹשָׁרוֹת', הַיְנוּ שֶׁנַּעֲשָׂה הָאִסּוּר כָּשֵׁר וְהֶתֵּר, בְּחִינַת בִּטּוּל הָאִסּוּר כַּנַּ"ל. וְעַל כֵּן כְּשֶׁאֵין נִתְבַּטֵּל הָאִסּוּר, וְהַשְּׁאֵלָה אֲסוּרָה, הִיא סִימָן שֶׁפָּגַם בְּיִחוּד שֶׁל מַעְלָה, כִּי הַיִּחוּד הוּא בְּחִינַת בִּטּוּל הָאִסּוּר כַּנַּ"ל".

בשעת דער 'איסור' ווערט שוין 'בטל', דעמאלט קען זיין א 'יחוד', די 'יחודים של מעלה' וואס מען איז 'מייחד יחודים'.

ווען 'יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה', זאגט אויך דער רבי אין א תורה[ע], די רשעים זענען גורם 'דם נידה' לשכינה, קען קיין 'יחוד' נישט זיין 'למעלה', און אזוי ביי יעדער פגם וואס מען איז פוגם.

פאר יעדער מצוה זאגט מען: "לשם יחוד קודשא בריך הוא ושכינתיה", אז דורך דער מצוה זאל קענען ווערן א 'יחוד למעלה'.

---

[ע] 'ליקוטי מוהר"ן' סי' כ"ט אות ג': וְהָרְשָׁעִים בַּעֲווֹנוֹתֵיהֶם גּוֹרְמִין אַפְרָשׁוּתָא בֵּין קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ, כִּי גּוֹרְמִין לָהּ דַּם נִדָּה.

אז מען טוהט טאקע דער מצוה ווייל דער אויבערשטער הייסט, מיט אלע דקדוקים אזוי ווי חז"ל - די תורה שבעל־פה - לערנט אונז, דעמאלט קען ווערן א 'יחוד למעלה' דורך דער מצוה. אבער אז די מצוה איז נישט כראוי, "ולא עם הארץ חסיד"[עח], ער קען זיין א 'חסיד' - און אַן 'עם הארץ', איז דא שאלות פון 'איסור-והיתר'; אז די מצוה איז נישט 'כראוי' אזוי ווי עס דארף זיין, קען שוין קיין 'יחוד' נישט זיין 'למעלה'.

אז ער איז גורם 'דם נידה' לשכינה, קען שוין נישט זיין קיין 'יחוד' למעלה. די צדיקים זענען אלץ מייחד יחודים - אפילו מיט א מחשבה ווערט א יחוד; מיט מחשבות גוטע ווערט יחודים, מיט דיבורים איז מען מייחד יחודים, און אז חלילה פארקערט, קען מען פוגם זיין אין 'יחודים של מעלה'.

מיר ווייסן גארנישט וואס טוהט זיך. אז דער רבי האט געזאגט פאר זיינע מענטשן דארט דער תורה ס"ג, ביים רבי'ן איז דעמאלט געבוירן געווארן דער זון "שלמה אפרים", עס איז געווען א שלום-זכר, איז אויף שבת זענען דעמאלט געווען רבי יודל און אלע גדולים, און דער רבי האט געזאגט דער תורה ס"ג, א שארפע תורה, פון די שווערע תורות פון רבי'ן. האבן זיי עפעס דעם רבי'ן איבערגעפרעגט פשט אין דער תורה.

האט זיך אנגערופן דער רבי: "וואס זאל איך אייך טוהן אז איר האט נישט קיין געפיל אין אידלקייט?!"[עט].

אזוי האט דער רבי צו 'זיי' געזאגט - אזעלכע גדולים - צדיקים - 'איר האט נישט קיין געפיל אין אידלקייט!' - אזוי האט דער רבי זיי געזאגט.

נאר וואס דען, דאס איז אלץ גערעדט געווארן פאר גדולים. מיר דארפן פשוט וויסן אז אזוי שטייט.

דורך אנהויבן אריינגיין אין 'יחודים' אין זאכענישן קען מען אריינפאלן אין גרויסע טעותים אויך, אין גרויסע פגמים קען מען אריינפאלן.

---

[עח] משניות אבות פ"ב מ"ה.

[עט] עיין 'חיי מוהר"ן' אות כ"ז.

מיר דארפן נאר טוהן 'תורת משה' ווי די צדיקים האבן אונז געלערנט, ממילא ווערט שוין דארטן אפגעטוהן גוטע זאכענישן.

מען דארף זיך היטן פון שלעכטס. עס איז דא א דיבור פון רבי'ן[פ]: **"איר טוט גוטס, דאס גוטס וועט בלייבן, דאס שלעכטס וועט אראפפאלן!"**.

דארף מען מרבה זיין 'בעשיית הטוב'; 'עשיית הטוב' איז 'בדיבור' אויך; 'בדיבור' דארף איך רעדן וואס מער גוטע דיבורים, תורה, תפילה, און רעדן דיבורים פונעם תכלית, אט דאס איז גוטע דיבורים.

טאמער טוהט זיך דורככאַפן שלעכטע דיבורים, איז שוין א קלקול למעלה; ווער שמועסט - מיטן געדאנק - אוודאי, און מיט די אויגן.

יעדע זאך וואס דער מענטש האט אין זיך, אז ער טוהט עס 'כראוי' 'על פי תורת משה' ווי די צדיקים לערנען, איז ער 'מייחד יחודים למעלה' כאטש ער איז א פראסטער מענטש, ער ווייסט גארנישט, עס ווערט שוין אפגעטוהן ממילא דאס דאזיגע[פא]. [צדיקים האבן געהאט אויגן, האבן זיי טאקע געזעהן]. און טאמער חלילה פארקערט, ווערט ממילא קלקולים למעלה, דאס ווייסט ער אויך נישט.

דערפאר האט דער רבי זייער אנגעזאגט אז א מענטש זאל זיך מיישב זיין פארן אויבערשטן, ער זאל גוט באטראכטן זיך, ווייל דער גאנצער הנהגה זיינער איז נאר דערינען; וואס ער וועט זיך מער באטראכטן, מער האבן ישוב הדעת, דערלאנגט עס אומעטום, איז עס אַן אנדער לערנען, אַן אנדער דאווענען, אַן אנדער רעדן, אַן אנדער הערן, אַן אנדער זאגן, אלץ איז עפעס אנדערש.

ממילא פירט שוין דער אויבערשטער אזוי צו אז דער 'איסור' ווערט 'בטל', אין דער תערובות איז דער איסור 'בטל'. זיין אינגאנצן אָן א 'תערובות' איז ווייטער זייער שווער.

---

[פ] חיי מוהר"ן אות תמ"ז.

[פא] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נדה ה"ב אות י"ב: וְכֵן **כָּל אָדָם** בְּכָל עֵת שֶׁעוֹסֵק בַּתּוֹרָה וַעֲבוֹדָה, הוּא **מְיַחֵד יִחוּדִים** כָּל אֶחָד **כְּפִי מַדְרֵגָתוֹ**, כְּמוֹ שֶׁאָנוּ אוֹמְרִים קֹדֶם כָּל מִצְוָה וְעֵסֶק הַתּוֹרָה 'לְשֵׁם יִחוּד קֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא וּשְׁכִינְתֵּיהּ' וְכוּ'.

אז עס מאכט זיך אבער א תערובות וואס איז דא מער 'היתר', ווערט עס 'בטל', איז גוט[פב].

דער רבי זאגט אין א תורה[פג], עס איז דא תשובה 'בחינת שבת', און תשובה 'בחינת חול'. 'תשובה בחינת שבת' איז 'שביתא ונייחא', דארטן איז קיין שום איסור נישטא, דארטן איז קיין שום תערובות נישטא, דארטן איז 'כשר' און 'טהור' און 'מותר'.

אבער 'תשובה בבחינת חול', 'ששה סדרי משנה', דאס איז מט"ט, 'כשר-פסול', 'טהור-טמא', 'אסור-מותר', דארטן איז שוין 'תשובה בבחינת חול', אט איז 'פסול' - ווערט צוריק 'כשר', אט איז 'אסור' - ווערט צוריק 'מותר'; דאס איז אויך א גוטע תשובה, א מענטש אז עס טוהט זיך 'פסול', זאל ער זעהן באלד צו ווערן צוריק 'כשר', ער זאל נישט לאזן זיין לאנג 'פסול'; אז ער זעהט אז עס איז 'טמא', זאל ער ווערן צוריק 'טהור'[פד].

---

[פב] עיין 'ליקוטי הלכות' הל' תערובות ה"ג אות ח' (המיוסד על תורה זו), וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת: 'עֲרֹב עַבְדְּךָ לְטוֹב אַל יַעַשְׁקֻנִי זֵדִים', שֶׁאָנוּ מְבַקְּשִׁין עַל אֲחִיזַת הָרָע שֶׁיֵּשׁ בָּנוּ שֶׁיְּעָרֵב אוֹתוֹ ה' יִתְבָּרַךְ עִם רֹב טוּב, עַד שֶׁהָרָע יִתְהַפֵּךְ לְטוֹב, וְאָז לֹא יִהְיֶה שׁוּם כֹּחַ לְהַסִּטְרָא אָחֳרָא לַעֲשֹׁק אוֹתָנוּ, חַס וְשָׁלוֹם.

[פג] ליקוטי מוהר"ן סי' ע"ט: יֵשׁ שְׁנֵי תְּשׁוּבוֹת. אַחַת, יֵשׁ בְּנֵי אָדָם שֶׁעוֹשִׂין מַשָּׂא וּמַתָּן וְהוֹלְכִין בְּהַבְלֵי עוֹלָם הַזֶּה. וּבְאֶמְצָעוּת נוֹפֵל לוֹ הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה, וְאַחַר כָּךְ חוֹזֵר לִמְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן. וְזֶהוּ בְּחִינוֹת (יְחֶזְקֵאל א): "הַחַיּוֹת רָצוֹא וָשׁוֹב", שֶׁאֵין לוֹ נַיְחָא, כִּי פַּעַם טָמֵא וּפַעַם טָהוֹר, כָּשֵׁר וּפָסוּל, אָסוּר וּמֻתָּר, וְזֶהוּ בְּחִינוֹת שֵׁשֶׁת יְמֵי חוֹל. אֲבָל תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה הוּא בְּחִינוֹת שַׁבָּת, שֶׁיֵּשׁ לוֹ נַיְחָא. כִּי 'בָּא שַׁבָּת בָּא מְנוּחָה'. שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנוּחָה מִכֹּל וָכֹל, וְנִדְחֶה הָרַע לְגַמְרֵי.

[פד] עיין 'פרפראות לחכמה' שם על התורה: וּבְחִינַת מַטַ"ט גַּם כֵּן בְּחִינַת שַׁדַּי וְכוּ'. רוֹצֶה לוֹמַר, כִּי אַף עַל פִּי שֶׁמְּבֹאָר לְעֵיל שֶׁאֵלּוּ שֶׁאֵין תְּשׁוּבָתָם שְׁלֵמָה עֲדַיִן, רַק מִשְׁתַּנֶּה בְּכָל פַּעַם מֵרַע לְטוֹב וּמִטּוֹב לְרַע וְכוּ', הוּא בְּחִינַת מַטַ"ט, בְּחִינַת שֵׁשֶׁת יְמֵי הַמַּעֲשֶׂה וְכוּ', **אַל יֹאמַר אָדָם שֶׁתְּשׁוּבָה כְּזוֹ אֵינֶנָּה נֶחְשֶׁבֶת כְּלָל אֶצְלוֹ יִתְבָּרַךְ מֵאַחַר שֶׁחוֹזֵר בְּכָל פַּעַם לִמְקוֹמוֹ הָרִאשׁוֹן - לֹא כֵן הַדָּבָר**, כִּי גַם בְּחִינָה זוּ הוּא בִּכְלַל תְּשׁוּבָה שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁבָּת בְּחִינַת שַׁדַּי, כִּי לֹא סַגִּי בְּלָאו הָכִי, כִּי **אִי אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה תֵּכֶף וּמִיָּד, וְהַהֶכְרֵחַ לַעֲבֹר בַּתְּחִלָּה דֶּרֶךְ בְּחִינוֹת אֵלּוּ שֶׁהֵם בְּחִינַת כָּשֵׁר וּפָסוּל טָמֵא וְטָהוֹר וְכוּ', וּכְשֶׁאֵינוֹ מְיָאֵשׁ עַצְמוֹ אַף עַל פִּי כֵן, וְחוֹזֵר וְשָׁב בְּכָל פַּעַם וְנִכְסָף וּמִשְׁתּוֹקֵק וּמִתְגַּעְגֵּעַ וּמְצַפֶּה בְּכָל פַּעַם לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה בֶּאֱמֶת, אֲזַי סוֹף כָּל סוֹף יִזְכֶּה עַל יְדֵי תְּשׁוּבוֹת אֵלּוּ בְּעַצְמָן לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה**, וְאָז יִשְׁלְמוּ וְיִתְתַּקְנוּ גַּם כָּל הַתְּשׁוּבוֹת הַנַּ"ל עַל יְדֵי שֶׁיֻּכְלְלוּ גַּם כֵּן בְּתוֹךְ בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁדַּי בְּחִינַת שַׁבָּת בֶּאֱמֶת, מֵאַחַר שֶׁזָּכָה עַל יָדָם לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה, שֶׁזֶּה בְּחִינַת מַה שֶּׁמּוּבָא בִּפְנִים שֶׁבְּשַׁבָּת גַּם מַטַ"ט נִכְלָל בִּבְחִינַת שַׁדַּי הַיְנוּ כַּנַּ"ל.

**דאס זאגט דער רבי דא, דאס הייסט דאך שוין א 'תערובות'; אבער וויפיל דארף זיין אז דער איסור זאל בטל ווערן?! איי איי, וואס מיט א מענטש טוהט זיך! ארום אים טוהט זיך זאכן, יעדע רגע, יעדער ריר, וואו ער גיט זיך א דריי.**

**על־כל־פנים, מיר ווייסן טאקע נישט** (ענין היחודים שנעשה ע"י מעשינו)**, און פאר אונז איז טאקע צו הויך צו וויסן אויך, דארף מען גיין אבער בפשיטות ובתמימות, גיין אזוי ווי מען האט אונז געלערנט, וועט זיך ממילא אפטוהן גרויסע זאכן.**

**דער רבי האט א זאג געגעבן אמאל אויף ר' שמואל טעפליקער - ער איז געווען א שיינער בעל בית פון דעם רבי'נס בעלי בתים: "ער איז א 'נכנס ויצא בשלום'!" - אזוי האט דער רבי אויף ר' שמואל'ן געזאגט.**

**ער איז געווען א בעל־בתי'שער איד, א איד א גביר, ער איז געווען דעם רבי'נס א חסיד!**

**אז רבי נתן האט דאס געהערט איז רבי נתן קשה געווען - א 'נכנס ויצא בשלום'?!** (- הלא זה נאמר על התנא רבי עקיבא אצל הארבעה שנכנסו לפרדס. ענה רביז"ל ואמר:) **"איך מיין נאר ווערליג זיין מדריגה!"**[פה].

פה עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"א אות ט': **יֵשׁ מִי שֶׁהוּא נִכְנָס וְנִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק, וְהוּא מְקַבֵּל מִמֶּנּוּ דֶּרֶךְ יְשָׁרָה לַעֲבוֹדַת ה' לְפִי מַדְרֵגָתוֹ וְעֶרְכּוֹ. וְהוּא בְּחִינוֹת צַדִּיק, בְּחִינוֹת רַבִּי עֲקִיבָא שֶׁנִּכְנַס בְּשָׁלוֹם וְיָצָא בְּשָׁלוֹם.**

# על הטוב יזכרו ידידנו היקרים

שנטלו חלק ושותפות בהוצאת קונטרס זו

**מו"ה אברהם יעקב לעבאוויטש הי"ו** (ק"י)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

**מו"ה בערל פיש הי"ו** (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה מרדכי עהרמאן הי"ו** (בארא פארק)
לרגל הכנסת בנו הבה"ח חיים נ"י לעותומ"צ למזל טוב

**מו"ה יעקב אהרן פריעדמאן הי"ו** (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה יוסף קליין הי"ו** (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

**מו"ה יושע לאוב הי"ו** (וויליאמסבורג)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

**מו"ה מנחם יואל שווארטץ הי"ו** (מאנסי)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

**מו"ה שלמה זלמן שפיטץ הי"ו** (מאנסי)
לרגל הולדת הבת למזל טוב

**מו"ה צבי יוסף פריעדמאן הי"ו** (וויליאמסבורג)
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח וועלוול נ"י
בן מו"ה טובי' גדלי' הארטמאן הי"ו למזל טוב

**מו"ה שמעון פריעדמאן הי"ו** (בארא פארק)
לרגל הולדת בנו למזל טוב

בקשו רחמים מרובים עבור האברך
**אלטר נפתלי בן-ציון** בן מינדל לרפו"ש

# לזכרון בהיכל ה'

מו"ה יצחק יעקב
ב"ר מרדכי הלוי ע"ה
נלב"ע י"ד ניסן תשפ"ג

מרת רוחמה שרה
בת ר' יצחק ע"ה
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט

מרת פיגא רבקה בת
ר' חיים צבי ע"ה
נלב"ע ז' מנחם אב תשפ"ב

מו"ה יעקב ב"ר
שמואל הכהן ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א

ר' מנחם מענדל ב"ר יעקב יהושע ע"ה

תהא נשמתם צרורה בצרור החיים